בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# אויסגעַרעכנט

## סְפִירַת הָעֹמֶר • לַ"ג בָּעֹמֶר

שֵׁיינֶע גֶעדַאנְקֶען, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת, וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר אוּן לַ"ג בָּעֹמֶר אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פַּארְנֶעם, אוּן וִוי אַזוֹי מִיטְצוּנֶעמֶען דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן דִי טֶעג אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר.

גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

### רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִיק, עַמּוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

### כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהַרָא"שׁ זי"ע

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת דוּרְךְ

חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

יְרוּשָׁלַיִם

עִיר הַקּוֹדֶשׁ תובב"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

בעזהשי"ת

ימי הספירה, תשפ"ו

"וְאֶטָּהֵר וְאֶתְקַדֵּשׁ בִּקְדֻשָּׁה שֶׁל מַעְלָה", אין די הייליגע טעג פון ספירה זענען מיר עוסק זיך צו הייליגן און רייניגן פארן אייבערשטן, אין די צייט וואס מיר רעכענען די ניין און פערציג טעג, אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו: "דער עיקר זאלסטו געדענקען אז מען הייבט אן ציילן די ניין און פערציג טעג זיבן מאל זיבן, אזוי ווי שבעה נקיים, זיבן ריינע טעג וואס מען ציילט איידער מען גייט זיך מטהר זיין, און ווען מיר ציילן די ספירה טעג גרייטן מיר זיך אן צו זיין גרייט אויף יום טוב שבועות, צו מקבל זיין די תורה, און מיר דארפן וויסן אז יעדן טאג איז א טאג, און אויף יעדן טאג וועלן מיר דארפן אפגעבן א באריכט וואס מיר האבן געטון אין יענעם טאג, און אז יעדן טאג קען מען זוכה זיין צו ווערן נענטער און נענטער צום אייבערטשן און צו די תורה".

ברוב שבח והודי' צום הייליגן באשעפער זענען מיר זוכה ארויסצוגעבן דעם ספר "אויסגערעכנט", וואס איז כשמו כן הוא, א ספר וואס איז צאמגעקליבן פון די בריוון פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס איז געדרוקט אין די ספרים "עצתו אמונה", "איש אמונות" אויף די טעג פון ימי הספירה און ל"ג בעומר, וואס רעכנט אריין חיזוק ווי אזוי אויסצוניצן די טעג מיטן זיך שטארקן אין בין אדם לחבירו, איינגעטיילט לויט די זיבן מידות, און ווי אזוי אויסצוניצן דעם טאג ל"ג בעומר, און האבן א שייכות א גאנץ יאר מיטן תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, מנהגי חאלאקע, און נאך, ווי אויך וואס מיר קענען זיך לערנען פונעם יום הולדת פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס געפאלט אום ספירה; אלעס אונז צו ווייזן דעם שיינעם וועג ווי אזוי צו לעבן מיטן אייבערשטן און מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

מיר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע מתנה וואס מיר זענען זוכה אין דעם דור, צו געניסן אזויפיל עצות, שכל און לימודים פונעם ראש ישיבה שליט"א, און עס איז אונזער געבעט און וואונטש אז דער ראש ישיבה זאל האבן ווייטער די כוחות צו לערנען אונז און אונזערע דורות ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה און געשמאק.

מיר ווילן באדאנקען האברך החשוב ר' יודא לייב ווייס הי"ו, ר' זלמן לייב מייזליש הי"ו, ר' שמעון עוזר פערל הי"ו, און ר' אשר יעקב בלום הי"ו מנהל קרן הדפסה, פארן אריינלייגן פיל כוחות און הארעוואניע אז דער ספר זאל קענען ארויסקומען בס"ד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אויסצוניצן די טעג פון ספירה צו רעכענען אלע אונזערע טעג און אלע אונזער מעשים עס זאל זיין לויט די רצון ה', און זיך פלייסן בלימוד ספרי הזוהר הקדוש ותיקונים, און לעבן מיטן הייליגן רבינ'ס עצות, אויף די וועג פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו לויט ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט מיט אונז, אמן.

קראו ותחי נפשכם

מכון עצתו אמונה

# מהדורת שניטצלער

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **אלעזר צבי שניטצלער** הי"ו

וזוגתו **מלכה הינדא** תחי'

וילדיהם

**נחמן נתן, יואל, יוטא, בת שבע.**

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון

# אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענְ


יְמֵי הַסְפִירָה ........ א

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג? ........ א

זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ ........ א

זִיךְ לִיבּ הָאבְּן ........ ג

נִישְׁט מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן ........ ג

גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד ........ ג

צֵיילְן סְפִירָה פַארְן סֵדֶר אָדֶער נָאכְן סֵדֶר? ........ ד

שֶׁבַע מִדוֹת ........ ה

חֶסֶד ........ ה

נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן דַיין פָּנִים ........ ה

טוּן אַסַאךְ חֶסֶד, נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער ........ ה

דוּ גֵיי דַיין וֶועג, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן אַנְדֶערֶע ........ ו

גְבוּרָה ........ ז

לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, אוּן גֵיי דַאוֶונֶען ........ ז

הֶער אוֹיף קְרֶעכְצְן ........ ז

מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים ........ ח

תִּפְאֶרֶת ........ ט

דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן ........ ט

מֶעג מֶען אָנְטוּן פַאר אַ קְלֵיין קִינְד, דֶענִים אָדֶער רוֹיטֶע קְלֵיידֶער? ........ י

אִיךְ שְׁנַייד נִישְׁט מַיין בָּארְד בָּרוּךְ ה', דִי שְׁנוֹיצְן מֶעג מֶען יָא שְׁנַיידְן? ........ יא

מַאךְ דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט חָכְמָה אוּן מִיט שֵׂכֶל ........ יב

נֶצַח ........ יג

דוּ ווִילְסְט זַיין גֶעזוּנְט? זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי פְּחָדִים ........ יג

מַלְכוּת שֶׁבְּנֶצַח, מְנַצֵחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע ........ יג

אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, בְּרוּחָנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת ........ יד

הוֹד ........ טז

סְפִירַת הוֹד ........ טז

אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען אִין גַן עֵדֶן ........ טז

דְרֵיי מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ נֵס......יז
יְסוֹד......יז
וֶוען דֶער יְסוֹד אִיז גוּט אוּן פֶּעסְט, קֶען מֶען בּוֹיעֶן דֶערוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע בִּנְיָן......יז
מַלְכוּת......כב
זַיין צוּפְרִידְן וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ......כב
פֶּסַח שֵׁנִי......כג
וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ......כג
אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין גוּט......כד
לַ"ג בָּעֹמֶר......כה
אוּנְזֶער כֹּחַ אִיז אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן......כה
בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן שְׁפִּירְט מֶען אַזַא הֵיילִיגְקֵייט......כה
לְכוּ חֲזוּ מִיט דִי תְּפִילָּה פוּן מוֹהֲרַנַ"ת......כה
וַוארְפְט אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן......ל
הַדְלָקָה......ל
דִי הַדְלָקָה לְכָבוֹד הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי......ל
דִי הַדְלָקָה זָאל בְּרֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר......לא
אַ נֵס בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין זְכוּת פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם......לא
גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי נֶערְוֶועֶן וָואס קוּמְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע טֶעג......לב
אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם טָאג לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה......לג
זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְתִקּוּנֵי זוֹהַר......לג
גֵיין אִין מִקְוֶה פַאר'ן לֶערְנֶען זוֹהַר......לג
זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזוֹהַר אוּן אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר......לג
דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה......לד
דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי קְלֵיינִיקֵייטְן......לד
סֵפֶר חָזִית אִישׁ......לו
וִוי אַזוֹי הָאט מֶען שַׁיְיכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי......לז
ווארויל אִיז פַאר דִי וָואס לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזוֹהַר......לח
דִי סוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים......לח
סְעוּדַת לַ"ג בָּעֹמֶר......לט
דִי זְכוּת פוּן נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי סְעוּדָה......לט

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם זוֹהַר .......... לט
מִירוֹן .......... מ
דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן .......... מ
אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָארְן לַ"ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן, וָואס טוּ אִיךְ? .......... מ
צוּזָאגְן אִין מִירוֹן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן, כְּדֵי גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן? .......... מב
אוֹיסְצוּגְן פוּן דִי נְסִיעוֹת קַיין מִירוֹן בְּמֶשֶׁךְ דִי פַארְגַאנְגֶענֶע יָארְן .......... מד
סוֹף אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ב .......... מד
סֵדֶר הַנְּסִיעָה קַיין מִירוֹן, לַ"ג בָּעוֹמֶר תשפ"ב .......... מה
סוֹף חוֹדֶשׁ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג .......... נה
דִי בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ"ג בָּעוֹמֶר תשפ"ג .......... נה
נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ"ג בָּעֹמֶר תשפ"ד .......... ס
פֶּתַח הַמְּעָרָה .......... עב
חַאלַאקֶע .......... עד
מַאכְן חַאלַאקֶע לַ"ג בָּעֹמֶר פַארְ'ן קִינְד וָואס וֶוערְט דְרֵיי יָאר אִין חוֹדֶשׁ אָב? .......... עד
פַּייל אוּן בּוֹיגְן .......... עה
גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד .......... עה
יוֹם הוּלֶדֶת מוֹהֲרָא"שׁ .......... עו
מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ .......... עו
אַלֶע מְפִיצִים זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ .......... עז
פִּיּוּטִים לְלַ"ג בָּעֹמֶר: .......... עח
בַּר יוֹחָאי .......... עח
אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא .......... עח
וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי .......... עט

# יְמֵי הַסְּפִירָה

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיז דָא עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶלֶע מִנְהָגִים אִין בְּרֶסְלֶב אִין דִי סְפִירָה טֶעג? עֶפֶּעס וָואס מֶען טוּט יָא אָדֶער מֶען טוּט נִישְׁט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ - אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

בְּנוֹסָף לָזֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ זָאגְן צְוֵויי מָאל אַ טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶועןְ דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", תְּהִלִּים אִיז מְסוּגָּל צוּ תְּשׁוּבָה אוּן צוּ טְרֶעפְן דִי שַׁעַר, דִי טִיר וואוּ אָנְצוּקוּמֶען, וַוייל עֶס אִיז דָא פוּפְצִיג טוֹיעֶרְן פַאר תְּשׁוּבָה; דָאס קֶען מֶען יֶעצְט זוֹכֶה זַיין אִין דִי סְפִירָה טֶעג.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז אִין דִי סְפִירָה טֶעג זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועןְ, מִיר זָאלְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט מַחֲלֹקֶת, וַוייל דִי תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶועןְ זֶה לָזֶה (יְבָמוֹת סב:); אִיז יֶעצְט אַ צַייט דָאס צוּ מְתַקֵּן זַיין, זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

## זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ

אִין דִי סְפִירָה טֶעג זֶענֶען מִיר מִתְאַבֵּל אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזֶענְט תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סב:): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא", פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים הָאט ר' עֲקִיבָא גֶעהַאט, "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם

שָׁמֵם", און אַלֶע פון זיי זענען געשטאָרבן אין איין צייט ווייל זיי האָבן זיך נישט מְכַבֵּד געווען איינער דעם צווייטן, און די וועלט איז געווען דעמאָלט וויסט פון תּוֹרָה; דאָס איז געווען אין די טעג פון סְפִירָה. דעריבער האַלטן מיר אין די טעג אֲבֵלוּת, מען הערט נישט קיין מוזיק, מען מאַכט נישט קיין חֲתוּנוֹת און מען באַנייט נישט קיין נייע קליידער וכו'.

אין די טעג דאַרפן מיר זיך שטאַרקן און אַריינטראַכטן ווי אַזוי מיר פירן זיך אויף בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ; מען זאָל זען מער אַכטונג געבן אויף אַ צווייטן און נישט טשעפּען אַ צווייטן, אַזוי וועלן מיר פאַררעכטן וואָס זיי האָבן פּוֹגֵם געווען. ווייל די תַּלְמִידִים פון ר' עֲקִיבָא האָבן זיך נישט געקענט סוֹבֵל זיין איינער דעם צווייטן, זיי האָבן געקוקט מיט אַ שלעכט אויג איינער אויפן צווייטן, אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סא, ג): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף תַּלְמִידִים הָיוּ לְרַבִּי עֲקִיבָא מֵעַכּוֹ וְעַד אַנְטִיפְרָס, וְכֻלָּם בְּפֶרֶק אֶחָד מֵתוּ, לָמָּה? שֶׁהָיְתָה עֵינֵיהֶם צָרָה אֵלּוּ בְּאֵלּוּ"; דאָס דאַרפן מיר פאַררעכטן אין די איצטיגע טעג.

דער הייליגער אַרִיזַ"ל זאָגט (לִקּוּטֵי תּוֹרָה, בָּלָק): די פיר און צוואַנציג טויזענט תַּלְמִידִים פון רַבִּי עֲקִיבָא וואָס זענען געשטאָרבן אין די טעג פון סְפִירָה, דאָס זענען גִּלְגּוּלִים פון די פיר און צוואַנציג טויזענט מענטשן וואָס זענען געשטאָרבן בּיי די מַגֵּיפָה פון די עֲבֵירָה פון זִמְרִי בֶּן סָלוּא; ווייל ווען אַ מענטש זינדיגט אין נִיאוּף ווערט אים דער מֹחַ פאַרדרייט, ער הייבט זיך אָן קריגן מיט אַ צווייטן, ער הייבט אָן קוקן שלעכט אויף אַ צווייטן און ער איז מְקַנֵּא אַ צווייטן. נאָכדעם הייבט ער אים אָן פיינט צו האָבן ביז מען קומט צו רְצִיחָה מַמָּשׁ רַחֲמָנָא לִצְלָן; מען זעט אַז די רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פון שִׂ'נְאָה, קִ'נְאָה און רְ'צִיחָה איז שֶׁ'קֶ'ר', דאָס איז די סִיבָּה פאַרוואָס אַ מענטש קריגט זיך מיט אַ צווייטן, אַלעס ווייל ער ליגט אין נִיאוּף.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (יוֹמָא ט.): דער ערשטער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז חָרוּב געוואָרן ווייל זיי האָבן עוֹבֵר געווען אויף די דריי האַרבע עֲבֵירוֹת, דער צווייטער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז חָרוּב געוואָרן נאָר וועגן שִׂנְאַת חִנָּם, פירט די גְּמָרָא אויס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן".

דער אייבערשטער זאָל העלפן מיר זאָלן זוֹכֶה זיין ליב צו האָבן איינער דעם צווייטן און אַנטלויפן פון מַחֲלֹקֶת, אַזוי וועלן מיר קענען ברענגען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

## זיךְ לִיבּ הָאבְּן

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מָשִׁיחַ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אָן קַיין אֵיין שָׁאס פּוּלְוֶוער"; עֶר וֶועט נִישְׁט קוּמֶען מִיט קַיין בָּאמְבֶּעס אוּן גֶעוֶוער וְכַדוֹמֶה, נָאר עֶר וֶועט מְגַלֶּה זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר פוּן אִים בֶּעטְן, אַזוֹי וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בָּטֵל וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין קִנְאָה, שִׂנְאָה, מַחֲלֹקֶת, מִלְחָמוֹת, "מַיין רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער", "דַיין רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער", "מַיין רֶבִּי אִיז דֶער אֱמֶת", "מַיין רֶבִּי אִיז הֶעכֶער וְכוּ' וְכוּ'", נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶער וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קֶעיר נֶעמֶען פוּן יֶענֶעם.

## נִישְׁט מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן

רֶעד צוּ דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן דֶערְוַואקְסְן, נִישְׁט מַאכְן קַיין לֵיצָנוּת פוּן מֶענְטְשְׁן. אִיךְ הֶער אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי בָּחוּרִים וָואס פִירְן זִיךְ ווִי קִינְדֶער, זֵיי רוּפְן מֶענְטְשְׁן מַאכְן פְּרֶענְקְס, זֵיי מֵיינֶען אַז אַזוֹי וֶוערְט מֶען דֶערְוַואקְסְן; דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ זֵיי פוּן גוּטֶע מִידוֹת. לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס הִלֵּל הָאט גֶעלֶערְנְט מִיטְן גֵר (שַׁבָּת לא.): "דְּעָלָךְ סָנֵי, לַחֲבֵרָךְ לָא תַעֲבִיד", וָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל דִיר טוּן - טוּ נִישְׁט מִיט אַ צְוֵוייטְן, לֶערְן מִיט זֵיי דִי לִימוּד פוּן יְמֵי הַסְפִירָה, וָואס רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעלֶערְנְט: "'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ', זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה" (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד; שַׁבָּת לא.).

## גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, יֶעצְט אִין סְפִירָה טֶעג זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין וֶועג פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן אֲפִילוּ דֶער אִיד אִיז נִישְׁט דַיין סָארְט, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אַ טוֹבָה טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע טוֹבָה אִיז גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט; "אַ גוּט מָארְגְן", "אַ גוּטְן טָאג", "אַ גוּטֶע נַאכְט", אַ פְרֶעג "וָואס מַאכְסְטוּ?" אַ פְרֶעג "וָואס קֶען אִיךְ טוּן פַאר דִיר?"

מוֹהֲרְנַ"תְּ פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואלְטְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט

וָואלְט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגוֹת", אוּן דֶערְפַאר פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת מִיט אַלֶע סָארְט תֵּירוּצִים פַארְוָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, זִיךְ נִישְׁט גְרִיסְן, שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' וְכוּ'.

## צֵיילְן סְפִירָה פַארְן סֵדֶר אָדֶער נָאכְן סֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זָאל אִיךְ צֵיילְן סְפִירָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אָדֶער אַזוֹי וִוי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַרוֹיסְצוּגֵיין נָאכְן סֵדֶר אִין שׁוּל אוּן דָארְט צֵיילְן מִיט מִנְיָן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּנוֹגֵעַ וֶוען צוּ צֵיילְן סְפִירָה; דָאס וָואס מֶען צֵיילְט סְפִירָה אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ נָאךְ מַעֲרִיב אִיז וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט חוֹשֵׁשׁ גֶעוֶוען אַז מֶענְטְשְׁן שְׁלָאפְן אַיין אִינְמִיטְן סֵדֶר אוּן מֶען פַארְגֶעסְט צוּ צֵיילְן סְפִירָה, אוּן מֶען פַאלְט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דִי מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן תְּמִימוּת, אוּן אוֹיךְ וַוייל דֶער רְשַׁ"שׁ זָאגְט אַז עַל פִּי סוֹד דַארְף מֶען צֵיילְן פַארְן סֵדֶר; אָבֶּער נִישְׁט אַז דָאס אִיז מִנְהַג בְּרֶסְלֶב. אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ צוּ צֵיילְן נָאכְן סֵדֶר אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין תַּרְתֵּי דְּסָתְרֵי לוֹיט דִי הַמְשָׁכַת הַמּוֹחִין וְכוּ' - קֶענְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי פִירְן, דְּעָבִיד - כְּמַר עָבִיד, וּדְעָבִיד - כְּמַר עָבִיד, בֵּיידֶע שִׁיטוֹת זֶענֶען הֵיילִיג; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאבְּן גֶעצֵיילְט נָאכְן דַאוֶוענֶען, פַארְן מַאכְן דֶעם סֵדֶר, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען הֵיילִיגֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב וָואס הָאבְּן גֶעצֵיילְט נָאכְן סֵדֶר.

דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דֶעם, בְּלַייבּ מִיט עֶנְקֶער גוּטֶע מִנְהָג, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הֵייבְּט אָן צֵיילְן דִי נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג זִיבְּן מָאל זִיבְּן, אַזוֹי וִוי שִׁבְעָה נְקִיִּים, זִיבְּן רֵיינֶע טֶעג וָואס מֶען צֵיילְט אֵיידֶער מֶען גֵייט זִיךְ מְטַהֵר זַיין, אוּן וֶוען מִיר צֵיילְן דִי סְפִירָה טֶעג גְרֵייטְן מִיר זִיךְ אָן צוּ זַיין גְרֵייט אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אוּן מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, אוּן אוֹיךְ יֶעדְן טָאג וֶועלְן מִיר דַארְפְן אָפְּגֶעבְּן אַ בַּארִיכְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּן אִין יֶענֶעם טָאג, אוּן אַז יֶעדְן טָאג קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

# שֶׁבַע מִדּוֹת

# חֶסֶד

### נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן דַיין פָּנִים

נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן דַיין פָּנִים; וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ דַיין ווייבּ, וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַנְדֶערֶע און וֶוען דוּ אַרְבֶּעסְט זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַלֶעמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג): "יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם יִסּוּרִים גְּדוֹלִים וְנוֹרָאִים רַחֲמָנָא לִצְּלָן", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים, זֵיי זוּכְן פַאר וֶועם זֵיי קֶענֶען דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, "וּכְשֶׁבָּא אָדָם עִם פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אוֹתָם מַמָּשׁ", און וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד, דוּ וֶועסְט מְחַיֶּ' מֵתִים זַיין, דוּ וֶועסְט לֶעבֶּעדִיג מַאכְן אַלֶע טוֹיטֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן.

### טוּן אַסַאךְ חֶסֶד, נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ און קִינְדֶער

אִיךְ וִויל דִיר שְׁרַייבְּן וֶועגְן שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ וֵוייס דוּ הָאסְט שָׁלוֹם בַּיִת, דָאךְ וִויל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן ווייל דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען עוֹסֵק בְּעַסְקָנוּת, עוֹסֵק אִין הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן - דַארְפְן סְפֶּעצִיעֶל חִיזּוּק, עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ און קִינְדֶער.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, טוּ וַוייטֶער חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאלְסְט וִויסְן אַז חֶסֶד אִיז פוּן דִי סִימָנִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת עט.): "שְׁלֹשָׁה סִימָנִים יֵשׁ בְּאוּמָּה זוּ, הָרַחְמָנִים וְהַבַּיְשָׁנִין וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים", אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ; חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען פַארְגֶעסְט צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, מֶען הֶעלְפְט יֶעדְן אֵיינֶעם און מִיט דִי וַוייבּ שְׁלָאגְט מֶען כַּפָּרוֹת; קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן חַס וְשָׁלוֹם.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועןְ און וויפִיל און וִוי אַזוֹי די חֶסֶד זָאל צוּגֵיין, און וויפִיל און וֶוען זָאלְסְט זַיין אִין שְׁטוּב, וַוייל די גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז זַיין אַ טַאטֶע פַאר די קִינְדֶער און אַ מַאן פַאר די וַוייבּ.

דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֵוייסְט מֶען פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דוּ גֵיי דַיין וֶועג, מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן אַנְדֶערֶע**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען דִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר דַיין גֶעטְרֵייעֶ אַרְבֶּעט פוּן צוּשְׁטֶעלְן עֶסְן פַאר די גַאנְצֶע שְׁטָאט.

עֶס זָאל דִיר אָבֶּער נִישְׁט וֵויי טוּן וֶוען אֵיינֶער דַארְף נִישְׁט און וִויל נִישְׁט נֶעמֶען פוּן די עֶסְן, אָדֶער אוֹיבּ אֵיינֶער פוּן די גַבָּאִים נֶעמֶען נִישְׁט; דוּ גֵיי דַיין וֶועג, דוּ טוּ גוּטְס און וֶוער עֶס דַארְף נִישְׁט - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן.

דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִין די זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן קַיין שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אִידְן; וָואס אִיז די שַׁיְיכוּת אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן? נָאר בְּדֶרֶךְ כְּלָל, די אַלֶע וָואס טוּעֶן חֶסֶד וֶוערְן אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין עוֹלָם הַחֶסֶד, זֵיי פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן; מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מִידוֹת, עֶס אִיז דָא חֶסֶד, גְבוּרָה, תִּפְאֶרֶת וְכוּ', בִּשְׁעַת מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט און מֶען זֶעט אֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט וֶוערְט מֶען גֶערֶעגְט אוֹיף די מֶענְטְשְׁן; דָאס הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן, זֵיי זָאלְן וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; גֵיי דַיין וֶועג און הָאבּ יֶעדְן לִיבּ, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

# גְּבוּרָה

## לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, און גֵיי דַאוְוענֶען

נָאר מִיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב קֶען מֶען הָאבְּן עֲשִׁירוּת, אָן דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת הָאט מֶען גָארְנִישְׁט; חָלִילָה נִישְׁט פוּן מַצְלִיחַ זַיין אָן דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת.

זַיי שְׁטַארְק ווִי אַ לֵייבּ, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דַאוְוענֶען - לָאז אַלֶעס אָפּ, לָאז אַלֶעס קְרַאכְן, שְׁטוּפּ נִישְׁט אָפּ דָאס דַאוְוענֶען פַאר גָארְנִישְׁט. נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין בִּיזְנֶעס, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב זָאל זַיין אַ חֵלֶק פוּן דַיין בִּיזְנֶעס, פוּן דַיין לֶעבְּן; וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

### הֶער אוֹיף קְרֶעכְצְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת פְּקוּדֵי, כ״ח אָדָר א׳, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי בְּרִיוְון וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, דָאס דֶערְהַאלְט דִיר און גֶעבְּט דִיר חַיּוּת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד; אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאךְ דֶערְהַאלְסְטוּ זִיךְ און דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן אוּנְז אִידְן, אַז מִיר גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט; סַיי וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי שְׁוֶוערֶע גָּלֻיּוֹת ווִי מֶען הַרְגֶ׳ט און מֶען שֶׁעכְט אִידְן, אַזוֹי ווִי אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס און בַּאבֶּעס הָאבְּן אוּנְז דֶערְצֵיילְט וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער בַּיי דִי צְוֵוייטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה ווִי מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן - מֶענֶער פְרוֹיעֶן און קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רַבָּנִים און דַיָּינִים, מַמָּשׁ דָאס שֶׁענְסְטֶע און דָאס בֶּעסְטֶע פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל - דָאךְ בְּלַייבְּן מִיר פֶעסְט בַּיי אוּנְזֶער אֱמוּנָה, מִיר בְּלַייבְּן וַוייטֶער נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און סַיי וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע הַרְגֶ׳ט אוּנְז און פַארְבְּרֶענְט אוּנְז מִיט תַּאֲווֹת רָעוֹת און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - גֵייעֶן מִיר אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר קוּמֶען וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוְוענֶען און לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט דִּיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֶער אוֹיף קְרֶעכְצְן דֶעם נִיגוּן: "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?" טְרַאכְט נִישְׁט: 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין'; וֶוען דוּ זֶעסְט זִיךְ אָנְגֶעפוּלְט מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, נִסְיוֹנוֹת, נְפִילוֹת, וְכוּ' וְכוּ', טְרַאכְט נִישְׁט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן מִיר?' וַוייל דַוְקָא דוּ וָואס דוּ פַּאלְסְט אוּן הֵייבְּסְט זִיךְ אוֹיף - בִּיסְט אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד. אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת דֶער אִיז בִּכְלָל נִישְׁט שְׁטַארְק, שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי; עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק וִוי אַ לֵייבּ אַז זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז דֶערְצֵיילְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי שָׁאוּל טֶעפְּלִיקֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען אִין טֶעפְּלִיק אוּן צוּזֶעעֶנְדִיג זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וִוי עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא הִתְלַהֲבוּת הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "שָׁאוּל שָׁאוּל, אִיךְ הָאבּ פוּן דִּיר נָאךְ נִישְׁט קַיין הֲנָאָה; וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי שָׁאוּל פַּאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְן לֶעבְּן. וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ אוּן דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרַא"שׁ לֶערְנְט אוּנְז - הֵייסְט בַּיים רֶבִּי'ן אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ, וֶוער עֶס אִיז בַּיים רֶבִּינְ'ס חֵדֶר אַ הֶעלְד: "אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אֵיינֶער וָואס אִיז נִישְׁט אַרָאפּ גֶעפַאלְן, שְׁטַארְק מֵיינְט, אַז וֶוען מֶען פַאלְט הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּךְ אוֹיף דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִּיר, זוּךְ אִין דִי שְׁוֶועריְקַייטְן דָאס בַּאהַאלְטֶענֶע גוּטְס - וֶועלְן אַוֶועקְפַאלְן

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, דִי וֶועג פוּן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אִין דִי צָרָה טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֵייט מַאכְן, עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה); גְלֵייבּ מִיר, מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען אָפְּלֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְלַאכְן פוּן אַלֶע צָרוֹת וְיִסּוּרִים.

בַּיים צֵיילְן סְפִירָה הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דִי כַּוָּנוֹת פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג [מַלְכוּת שֶׁבִּגְבוּרָה] אִיז: 'יוֹדוּךְ' אוּן 'קְרַ"ע שָׂטָ"ן'; אֶפְשָׁר לוֹמַר, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צֶערַייסְט מֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, דֶער שָׂטָן וֶוערְט צֶערִיסְן.

## תִּפְאֶרֶת

**דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן**

פּוּץ נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער, טְרַאכְט נִישְׁט אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער מֶעגְן גֵיין אַזוֹי, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט; ווייל וִוי אַזוֹי דוּ לֶערְנְסְט אִים וֶוען עֶר אִיז יוּנְג אַזוֹי וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן. וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דַיין זוּן מַאכְט אָפּ אַלְס בָּחוּר אַז עֶר טוּט אוֹיס זַיינֶע חֲסִידִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן טוּט זִיךְ אָן אַזוֹי וִוי דוּ פּוּצְט אִים אוֹיס יֶעצְט אַלְס קִינְד? וָואלְסְט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס וֶוען עֶר אִיז יוּנְג טוּסְטוּ אִים אָן אַזוֹי?!

בְּרֶענְג אוֹיף דִי קִינְדֶער עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק צוּ אִידִישְׁקֵייט, סַיי דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן נָאךְ מֶער דִי מֵיידְלֶעךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יא, ה): "יְבָרֶכְךָ בְּבָנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט זוּן, "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", אוּן דִיר אָפְּהִיטְן דַיינֶע טֶעכְטֶער, "שֶׁצְּרִיכוֹת שְׁמִירָה", מִיט טֶעכְטֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁמִירָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי מֶען טוּט אָן קִינְדֶער. עֶלְטֶערְן מֵיינֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט; דִי גַאנְצֶע מֹחַ פוּן טַאטֶע מַאמֶע גֵייט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף מִיט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן זֵיי אָן.

אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קֵיין תַּקָּנוֹת אִין חֵדֶר, אֵיין תַּקָּנָה אִיז דָא: "שֵׂכֶל", עֶלְטֶערְן דַארְפְן הָאבְּן שֵׂכֶל מְחַנֵּךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט אַ אִידִישְׁן טַעַם. אִיךְ פַּאר מִיר קוּק

אויף קינדער און עס פארעקלט מיר, זעענדיג א ריינע נְשָׁמָה, א זויבערקייט - אָנגעטון אומאיידל, פארקערט וואס דאס קינד איז.

מוהרא"ש האט דערציילט, אמאל איז א איד געקומען צום הייליגן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און געבעטן א בְּרָכָה אויף גוטע קינדער, דער הייליגער חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ האט גענומען א תְּהִלִּים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און דאס געוויזן פאר דעם איד, זאגנדיג דערביי: "זעסט, דאס איז דער תְּהִלִּים פון מיין מאמע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען צום אייבערשטן זי זאל האבן גוטע קינדער"; אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער.

**מעג מען אָנטון פאר א קליין קינד, דענים אדער רויטע קליידער?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער ראש ישיבה שליט"א

מעג מען אָנטון פאר א קליין קינד, א בעבי, רויט אדער דענים קליידער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

וואס איז די פראגע, אויב מען מעג אדער אויב מען זאל? מעגן - מעג מען, אבער פארוואס זאל מען? פארוואס זאל מען אָנטון די קינדער אזוי ווי די אוּמוֹת הָעוֹלָם גייען אָנגעטון, פארוואס זאלן מיר וועלן זיין ווי די גוֹיִם?

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל ליב האבן אידישע קליידער, מען זאל ליב האבן איידלקייט, מען זאל ליב האבן די תּוֹרָה; דורך אסאך הִתְבּוֹדְדוּת קען מען זוכה זיין צו דעם.

שיין איז פארקערט ווי די גוֹיִם גייען, שיין איז די אידישע וועג; וואויל איז דעם וואס גייט אָנגעטון איידל און טוט אָן די קינדער איידל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הַצְלָחָה אין אלע עִנְיָנִים.

### אִיךְ שְׁנַייד נִישְׁט מַיין בָּארְד בָּרוּךְ ה׳, דִי שְׁנוֹיצְן מֶעג מֶען יָא שְׁנַיידְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק; אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נֶעם אִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ מַיין בָּארְד, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט אוֹיס שֵׁיין דֶערְמִיט און מַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן מִיר אַז אִיךְ זָאל עֶס יָא אָפְּשֶׁערְן. אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דִי שְׁנוֹיצְן, מֶעג מֶען דָאס יָא אָפְּשֶׁערְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ,

**תְּשׁוּבָה:**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ שְׁנַיידְסְט נִישְׁט דַיין בָּארְד, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע.

אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשׂא, קלא) וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דֶער בָּארְד "צִינוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים"; דָאס זֶענֶען רֶערְן (פֵּייפְּס) וָואס דוּרְךְ דֶעם קוּמְט אַרָאפּ פוּן הִימְל פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַלֶע בְּרָכוֹת, אָבֶּער אוֹיבּ שְׁנַיידְט מֶען דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת שְׁנַיידְט מֶען אָפּ אַלֶע רֶערְן פוּן פַּרְנָסָה וָואס דַארְף קוּמֶען צוּם מֶענְטְשׁ; הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס מַאכְן אַוֶועק דִי בָּארְד און פֵּיאוֹת, הֶער נָאר צוּ וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן זָאגְן - וֶועט דִיר גוּט זַיין.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט שֵׁיין מִיט אַ בָּארְד; וַוייל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, וָואס הֵייסְט שֵׁיין? שֵׁיין הֵייסְט נָאר וָואס אִיז שֵׁיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "הַדְרַת פָּנִים - זָקָן", אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁטַאלְט אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ בָּארְד; מִיר דַארְפְן לֶעבְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און קוּקְן וָואס מֵיינְט שֵׁיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא פד.): "הַאי מַאן דְבָעֵי מֵיחְזֵי שׁוּפְרֵיהּ דְּרַבִּי יוֹחָנָן", וֶוער עֶס וִויל זֶען וִוי שֵׁיין דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רַבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, "נַיְיתֵי כָּסָא דְּכַסְפָּא מִבֵּי סִילְקֵי", זָאל נֶעמֶען אַ נַייעֶ זִילְבֶּערְנֶע בֶּעכֶער, "וְנִימְלְיֵיהּ פַּרְצִידֵי דְרוּמָנָא סוּמָקָא", און עֶס אָנְפִילְן מִיט שֵׁיינֶע רוֹיטֶע קֶערְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים, "וְנֶיהְדַר לֵיהּ כְּלִילָא דְוַרְדָא סוּמָקָא לְפוּמֵיהּ", רִינְגְס דֶעם בֶּעכֶער זָאל עֶר אַרוּם לֵייגְן שֵׁיינֶע רוֹיטֶע רוֹיזְן וִוי אַ קְרוֹין, "וְנוֹתְבֵיהּ בֵּין שִׁמְשָׁא לְטוּלָּא", און שְׁטֶעלְן דֶעם בֶּעכֶער צְוִוישְׁן שָׁאטְן און זוּן, "הַהוּא זַהֲרוּרֵי מֵעֵין שׁוּפְרֵיהּ דְּרַבִּי

יוֹחָנָן", די שֵׁיינקֵייט וָואס שַׁיינְט אַרוֹיס פוּנֶעם בֶּעכֶער מִיט די רוֹיזְן אִיז אַ מְעֵין פוּן די שֵׁיינְקֵייט פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן, פְרֶעגְן חֲזַ"ל: פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען נִישְׁט רֶבִּי יוֹחָנָן צְווִישְׁן די שֶׁענְסְטֶע מֶענְטְשְׁן פוּן די וֶועלְט? עֶנְטְפֶערְן די חֲכָמִים: "דְּהַדְרַת פָּנִים לָא הַוְיָא לֵיהּ", וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בָּארְד; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֵיינְט שֵׁיין, שֵׁיין מֵיינְט אַז מֶען פָאלְגְט די הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

די שְׁנוֹיצְן אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ שְׁנַיידְן, דֶער בְּאֵר הֵיטֵב בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שׁוּלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קְפָּא, סְעִיף קָטָן ה) פוּנֶעם אַרִיזַ"ל אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁנַיידְן זַיינֶע שְׁנוֹיצְן כְּדֵי עֶס זָאל אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן בַּיים עֶסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק אֲפִילוּ מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִיר.

## מַאךְ די מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט חָכְמָה אוּן מִיט שֵׂכֶל

די מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת אִיז די מִיטְל וֶועג, די מִדָּה שְׁטֵייט אִינְמִיטְן פוּן די עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי מִידוֹת - חֶסֶד אוּן גְּבוּרָה. 'חֶסֶד' אַלֵיינְס, אִיז דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן דֶעם גַאסְט אַ שְׁלִיסְל פוּן דַיין פְּרִיוַואטֶע דִירָה, עֶר זָאל קוּמֶען אוּן גֵיין, זִיךְ דְרֵייעֶן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אוּנְטֶער די פִּיס; דָאס אִיז נִישְׁט גוּט. ווִידֶער די מִדָּה פוּן 'גְּבוּרָה' אַלֵיינְס, אִין דַיין פַאל - נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען בִּכְלַל קַיין גֶעסְט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט; מֶען מוּז טוּן די מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים, בִּפְרַט אַ שְׁוָואגֶער, דַיין וַוייבְּ'ס אַ בְּרוּדֶער, אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר וְכוּ', דַארְף מֶען אַרַיינְנֶעמֶען; אִיז וָואס אִיז יָא דֶער וֶועג? די מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת אִיז דֶער וֶועג; מֶען מִישְׁט חֶסֶד מִיט גְּבוּרָה, דָאס אִיז שְׁלֵימוּת, אַבִּיסְל פוּן דֶעם אוּן אַבִּיסְל פוּן דֶעם, מֶען טוּט חֶסֶד מִיט אַ צִמְצוּם.

זָאג אִים עֶר קֶען קוּמֶען צוּ אַייךְ אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן בַּיינַאכְט, אוּן אוֹיךְ מִיט אַ צִמְצוּם; נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זָאלְסְטוּ זָאגְן: "אַ גוּטֶע נַאכְט", אוּן אִים זָאגְן: "מִיר גֵייעֶן שׁוֹין שְׁלָאפְן"; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ קוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג זִיצְן אוֹיף דַיין וַוייבְּ'ס קָאפּ. זָאג אִים קְלָאר אַז עֶר קֶען קוּמֶען אִין די אוּן די צַייט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל פַארְנַאכְטְס. מַאךְ די מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִיט חָכְמָה אוּן מִיט שֵׂכֶל.

# נֶצַח

## דו ווילְסְט זַיין גֶעזונְט? זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי פְּחָדִים

הַיינְט אִיז דִי סְפִירָה פון נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ, דָאס אִיז וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכח): "אִיךְ הָאבּ אויסְגֶעפִירְט און אִיךְ וֶועל אויסְפִירְן", און דָאס גֵייט אָן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם; מֶען דַארְף אַ גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אויסְצוּפִירְן, נִישְׁט אויפְגֶעבְּן, און אֲפִילוּ מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן דַארְף מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל אויפְהֵייבְּן.

דו ווילְסְט זַיין גֶעזונְט? זָאלְסְטוּ אויפְהֶערְן מִיט דִי פְּחָדִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גוּף קָשֶׁה", דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער מֶענְטְשׁ, "פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", אויבּ הָאט עֶר פְּחָדִים - וֶוערְט עֶר צֶעבְּרָאכְן; דַיינֶע פְּחָדִים, דַיינֶע שְׁרֶעק - לָאזְט דִיךְ נִישְׁט לֶעבְּן, דו הֶערְסְט נִישְׁט אויף טְרַאכְטְן 'אִיךְ הָאבּ יֶענֶע מַעֲשֶׂה', 'אִיךְ הָאבּ דִי מַעֲשֶׂה'; דו הָאסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם מַעֲשִׂיּוֹת, דו בִּיסְט גֶעזונְט און שְׁטַארְק; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ נָאר טְרַאכְטְן אַ פְּרָאצֶענְט פונֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וויפִיל דו טְרַאכְסְט אויבּ דו בִּיסְט גֶעזונְט.

זַיי פְּרֵיילִיךְ, מֶעגְסְט הֶערְן מוּזִיק. דִי פּוֹסְקִים שְׁרַייבְּן, אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז פַארְ'דַאֲגָה'ט און דֶערְשְׁרָאקְן - מֶעג הֶערְן מוּזִיק בִּימֵי הַסְּפִירָה. גֵיי אַ טֶענְצְל "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", גֵיי אַ טֶענְצְל "אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ", גֵיי אַ טֶענְצְל "אִיךְ הוֹיבּ אָן פון יֶעצְט".

זוּךְ נִישְׁט אויף אִין דַיין גוּף סִימָנִים, זוּךְ נִישְׁט קַיין בָּאמְפְּס, לָאז אָפּ דִי דִמְיוֹנוֹת וַוייל דו בִּיסְט גֶעזונְט און שְׁטַארְק.

## מַלְכוּת שֶׁבְּנֶצַח, מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע

הַיינְט אִיז דִי סְפִירָה פון מַלְכוּת שֶׁבְּנֶצַח, און בַּיי לַמְנַצֵּחַ אִיז הַיינְט 'בָּאָרֶץ', און בַּיי אָנָּא בְּכֹחַ - בט"ר צת"ג [דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פון: בָּ'רְכֵם טַ'הֲרֵם, רַ'חֲמֵי צִ'דְקָתְךָ, תָּ'מִיד גָ'מְלֵם]; דָאס וַוייזְט אונְז, אויבּ מֶען הָאט אֱמוּנָה - "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה" (תְּהִלִּים לז, ג) - דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַלֶע בְּרָכוֹת, בט"ר צת"ג, און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַלְכוּת שֶׁבְּנֶצַח, צוּ מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע און אָנְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה.

שְׁטַארְק זִיךְ, נִסְיוֹנוֹת הָאט יֶעדֶער, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער מֶעסְטֶער צִי דוּ בִּיסְט שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אָדֶער נִישְׁט, אוּן אַז דוּ דֶערְזֶעסְט זִיךְ מִיט פְּרִישֶׁע בְּרֶענֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת - זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", וְוִי גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער מֶען אִיז - אִיז דָא מֶער נִסְיוֹנוֹת, אוּן זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אוּן זָאגְן 'אִיךְ קוּם מִמֵּילָא נִישְׁט אָן צוּ דִי קְדוּשָׁה, אִיךְ לִיג וואוּ אִיךְ לִיג אוּן אִיךְ פַּאל וִוי אִיךְ פַּאל, וָואס הָאב אִיךְ זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען?' עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר וִוי לַאנְג מֶען אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט - הָאט מֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

### אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת

אִיךְ וִויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן. יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין דִי זוּמֶער טֶעג דַארְף מֶען רַחֲמֵי שָׁמַיִם צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן מִיט רֵיינֶע אוֹיגְן. אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן - הָאט מֶען אַלֶעס גוּטְס, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

אִין דִי הַיינְטִיגֶע סְפִירָה, כ"ח יוֹם - הָאט מֶען אִינְזִין דֶעם שֵׁם בט"ר צת"ג, דֶער שֵׁם אִיז אַלֶע בְּרָכוֹת, דָאס קוּמְט נָאךְ כְּבָבַת שָׁמְרֵם; אַז מֶען הִיט דֶעם בַּת עַיִן, אוֹיב עֶס אִיז כְּבָבַת שָׁמְרֵם - מֶען הִיט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת - דֶעמָאלְט קוּמְט בָּרְכֵם - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט, טַהֲרֵם - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רֵיינִיגְט, רַחֲמֵי - עֶר הָאט רַחְמָנוּת, אוּן צִדְקָתְךָ תָּמִיד גָּמְלֵם - עֶר גִיבְּט שְׁטֶענְדִיג פוּן זַיין גֶערֶעכְטִיגְקֵייט. צוּ דֶעם אַלֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ מַלְכוּת שֶׁבְּנֶצַח; מַלְכוּת דָאס אִיז דִי אֱמוּנָה, דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה. נֶצַח, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן רֶבִּי'ן; דוּרְךְ דִי אֱמוּנָה וָואס דֶער רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז, דִי עֵצָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, בֶּעטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, הֵיילִיגֶע אוֹיגְן; וַוייל נָאר דוּרְךְ קְדוּשַּׁת עֵינַיִם קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאב אִיךְ גֶעדַאוֶונְט אִין דִי מַעֲרָה אִין מִירוֹן, נָאכְן דַאוֶונֶען הָאב אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל זוֹהַר פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, פַּרְשַׁת אֱמוֹר. הָאב אִיךְ גֶעזֶען דֶער זוֹהַר דֶערְצֵיילְט (דף צ:) רֶבִּי אֶלְעָזָר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין שְׁוֶוער אוּן דִי אוֹיגְן הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן, אוּן עֶפֶּעס אֵיינֶער, אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אִיז גֶעוֶוען

בְּלִינְד אוֹיף אֵיין אוֹיג - אִיז אַרִיבֶּער דִי שְׁטוּב פוּן זַיין שְׁוֶוער. זָאגְט דֶער שְׁוֶוער פַאר רֶבִּי אֶלְעָזָר: "לָאמִיר פְרֶעגְן דֶעם אִיד, אֶפְשָׁר וֵוייסְט עֶר פוּן עֶפֶּעס אַ רְפוּאָה פַאר דַיינֶע אוֹיגְן?" הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט: "דֶער בְּלִינְדֶער אִיז נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט", אָבֶּער דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעמוּטְשֶׁעט, הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט פַאר זַיין שְׁוֶוער: "לָאמִיר אִים פְרֶעגְן". זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "טוּפְקָא מַאן הוּא בְּעָלְמָא", וֶוער אִיז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט? "אָמַר, עֲתִירָא", הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַן עוֹשֶׁר אִיז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער, "אָמַר רַבִּי אֶלְעָזָר, בְּמִלּוֹי אִשְׁתְּמַע, דְלָאו מְהֵימְנוּתָא גַּבֵּיהּ", פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶעעֶן מִיר אַז עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, "וְלָאו בַּר מְהֵימְנָא הוּא", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט קַיין בַּאגְלֵייבְּטֶער, אִיז וָואס הָאט מֶען צוּ נֶעמֶען פוּן אִים אַן עֵצָה? וַוייל אֵיינֶער וָואס מַאכְט אַ מְצִיאוּת פוּן גֶעלְט - אִיז אַ נַאר; דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע אוֹיף דִי וֶועלְט זֶענֶען דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה, דִי וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שָׁם): "דְּהָא קְדוּשָּׁא דִלְעֵילָּא, לָא שַׁרְיָא בַּאֲתַר פָּגִים", אוֹיבּ מֶען הָאט אַ מוּם - רוּט נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. עֶס אִיז דָא אִין דֶעם זוֹהַר אַן אֲרִיכוּת פוּן הֵיילִיגְן מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי תּוֹרָה מַהֲדוּרָא תִּנְיָינָא, סִימָן נד), וָואס עֶר פְרֶעגְט, מִיר וֵוייסְן דָאךְ פוּן אַזוֹיפִיל צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פֶעלֶערְדִיג, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען בַּעֲלֵי רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ; דַאכְט זִיךְ מִיר עֶר בְּלַייבְּט בַּיי דִי קַשְׁיָא.

אוּלַי יֵשׁ לוֹמַר, אֲתַר פָּגִים, דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וָואס דָאס גֵייט בַּיים הֲמוֹן עַם מִיטְן גוּף; אַז מֶען הָאט אַ פֶעלֶער אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַרָאפּ אַ שְׁטַאפְּל, צְוֵוייט קְלַאסִיג; מֶען הָאט טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אַנְדֶערְשׁ אִיז בַּיי דִי צַדִּיקִים קְדוֹשִׁים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג בְּשִׂמְחָה, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אֲתַר פָּגִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גַאנְץ מִיט דִי אֱמוּנָה.

# הוֹד

## סְפִירַת הוֹד

מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי סְפִירָה פוּן "הוֹד", אוּן מֶען פִירְט זִיךְ בַּיי חֲסִידִים אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן סְפִירַת הוֹד, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר בְּהַעֲלוֹתְךָ קנב:): "בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לְיַרְחָא תִּנְיָינָא, דְּהָא מִתַּמָּן עַד שֶׁבַע יוֹמִין תַּרְעִין פְּתִיחָן"; דֶערְפַאר זֶע אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה.

זָאלְסְט אוֹיךְ זֶען צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, סְפִירַת הָעוֹמֶר חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אוֹיבּ מֶען אִיז אַ בַּעַל קֶרִי". אוּן ר׳ נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס גֵייט אִין "מִקְוֶה" וֶועט הָאבְּן אַ "תִּקְוָה", וַוייל מִקְוֶה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן הָאפֶענוּנְג.

## אַז מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּט מֶען אִין גַּן עֵדֶן

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; שְׁטַארְקְט אַייךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט עֶנְק. מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה נִיגוּנִים פוּן הוֹדָאָה, וִוי צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "טוֹב ה׳ לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", אָדֶער: "יוֹדוּ לַה׳ חַסְדּוֹ", אָדֶער: "הַכֹּל יוֹדוּךָ"; נִיגוּנִים וָואס שְׁרֵייעֶן אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט תּוֹדָה וְהוֹדָאָה, לֶעבְּט עֶר שׁוֹין יֶעצְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִין "גַּן עֵדֶן", אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "וִימֵי הוֹדָאָה זֶה בְּחִינַת שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא", וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט דֶעם עוֹלָם הַבָּא, "כִּי כָּל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אַלְץ נֶענְטֶער אִיז מֶען צוּ אִים.

**דְרֵיי מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט בְּרֶענְגֶען אַ נֵס**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט בַּיי אִיר גֶעטְרָאפְן זָאלְן זִיךְ אוּיסְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

נֶעם זִיךְ פָאר אַ גוּטֶע קַבָּלָה אַז זִי זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה, דִי בֶּעסְטֶע קַבָּלָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִיז יֶעדְן טָאג פַאר דְרֵיי מִינוּט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, פְלָאג זִיךְ אוּיס פוּן אַלֶעמֶען אוּן דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דְרֵיי מִינוּט, אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, אַז דוּ בִּיסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, פַאר דִי קִינְדֶער אוּן פַאר דִי גֶעזוּנְט, רֶעכְן אוּיס וָואס מֶער זַאכְן אוּן זָאג אוּיף יֶעדֶע זַאךְ שְׁכֹּחַ, רֶעד דָאס אוּיס אוּיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן וֶועסְטוּ זֶען אַ גְרוֹיסֶע נֵס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## יְסוֹד

**וֶוען דֶער יְסוֹד אִיז גוּט אוּן פֶעסְט, קֶען מֶען בּוֹיעֶן דֶערוֹיף**
**אַ שְׁטַארְקֶע בִּנְיָן**

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ דִי דַרְגָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; צוּ דִי דַרְגָה בְּרֶענְגְט אוּנְז דֶער רֶבִּי צוּ, מִיר זָאלְן נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן שְׁפֶּעטְן פוּן אוּנְז אַז מִיר רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה, מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן מוֹהֲרַא"שׁ וָואס הָאט אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית; גֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעדְרוּקְט סְפָרִים פוּן קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, מֶען מַאכְט פוּן דֶעם כָּל הַלֵיצָנוּת, מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים, מֶען אִיז מְבַזֶה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

פאַרוואס טאַקע האָט מוֹהֲרַ״ש אַזוֹיפיל גערעדט פון קדושת היסוד? וואס האָט מוֹהֲרַ״ש אַזוֹיפיל געשריבן פון זיין אָפּגעהיטן אין קדושת הברית? ווייל ביים רבי'ן איז דאס געווען פון די וויכטיגסטע זאכן; ווייל ווען דער יסוד פונעם מענטש איז גוט און פעסט, דעמאָלט קען מען בויען אַ שטאַרקע בנין אויף דעם, ווען מען איז אָפּגעהיטן בקדושת הברית, קדושת המחשבה וואס איז דער יסוד פונעם מענטש - דעמאָלט האָט מען אַ ריינע מח, מען קען דינען דעם אייבערשטן און מען קען זוכה זיין צו קומען צו די גרעסטע מדריגה, אָבער אויב חס ושלום דער יסוד איז נישט גוט, מען זינדיגט אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, דעמאָלט איז זייער ביטער, דעמאָלט פאַלט אַלעס אַראָפּ, וואס מען בויט פאַלט איין, עס ווערט אַלעס חרוב.

איר האָט זיכער געהערט די שרעקליכע נייעס וואס האָט פּאַסירט אין אַמעריקע, אין שטאַט פלאָרידאַ; אַ ריזיגער בנין, אַ הויכער בנין איז איינגעפאַלן מיט אַלע איינוואוינער, אינמיטן די נאכט איז געוואָרן פונעם גרויסן בנין עפר ואפר, ליידער זענען דאָרט אומגעקומען זייער אַסאַך אידישע קינדער, יעצט שטעלט זיך אַרויס אַז מען האָט שוין געזאָגט פון פאַראויס אַז דער יסוד איז מקולקל. די בעלי בתים האָבן זיך נישט וויסנדיג געמאַכט, עס האָט זיי געקאָסט צופיל געלט דאָס צו פאַררעכטן, יעצט איז גאָרנישט געבליבן, נאָנט צו הונדערט מענטשן זענען אומגעקומען אַלעס ווייל דער יסוד איז נישט גוט.

איך בעט ענק טייערע חברים, מאַכט אייך נישט צוטון פון לצים, פון די וואס שפעטן; אויף אונז ליגט אַ פליכט צו פאַרשפּרייטן די קונטרסים, גליונות און ספרים וואס מער, צו ראַטעווען אידישע קינדער פון אַוועקפאַלן.

עס קומען אָן צו מיר אַזוֹיפיל בריוו פון אינגעלייט און בחורים, זיי ווייגען אַז זיי זענען אומגליקליך געוואָרן, זיי האָבן נישט געוויסט פון וואס זיך צו היטן, וואלט מען גערעדט צו זיי וואלטן זיי נישט אַזוי אַראָפּגעפאַלן, יעצט איז זיי אַזוי שווער, יעצט ווען זיי זענען נעבעך איינגעוואוינט אין שלעכטס איז שוין זייער שווער פאַר זיי. פאַריגע וואך שרייבט מיר אַ בחור אַ שרעקליכע בריוו, ליינט זיין ווייטאָג:

**לכבוד ראש הישיבה שליט״א,**

**קוראים לי ... אני גר ב... ; כשהייתי ילד קטן המלמד עשה אתי ואם עוד ילדים**

כָּל אֶחָד בְּנִפְרָד – עֲבֵרוֹת, כְּשֶׁקְּצָת גְּדַלְתִּי יְלָדִים עָשׂוּ אֶת זֶה בְּיַחַד בְּלִי הַמְּלַמֵּד, אַחֲרֵי כַּמָּה שָׁנִים עָבַרְתִּי תַּלְמוּד תּוֹרָה, לֹא בִּגְלַל זֶה, וְהָיִיתִי עוֹשֶׂה עֲבֵרוֹת לְבַד; עַד שֶׁבְּחַסְדֵי הַשֵּׁם זָכִיתִי לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ וְהֵבַנְתִּי אֶת גֹּדֶל הַבְּעָיָה שֶׁלִּי וְהִתְחַלְתִּי לְהַגִּיד מִשְׁנָיוֹת, וְעַכְשָׁו אֲנִי רוֹצֶה לִשְׁאוֹל אִם אֲנִי יֵלֵךְ לְטִפּוּל וְכוּ׳.

[אִין אִידִישׁ: מַיין נָאמֶען אִיז ... אִיךְ וואוֹין אִין ... וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד הָאט מַיין רֶבִּי מִיר גֶענוּמֶען אוּן גֶעטוּן מִיט מִיר עֲבֵירוֹת, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶענוּמֶען נָאךְ קִינְדֶער פוּן קְלַאס אוּן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, שְׁפֶּעטֶער וֶוען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן פְלֶעגְן מִיר קִינְדֶער טוּן דִי עֲבֵירוֹת אִינְאֵיינֶעם, נָאךְ שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶעפִינֶען דֶעם רֶבִּי׳ן, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס וָואס אִיךְ טוּ אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת. יֶעצְט וויל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל גֵיין צוּ מֶענְטְשְׁן זָאלְן מִיר הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט].

אַ פַּחַד פוּן אַ בְּרִיוו וָואס קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער פוּן מְנֻוָּלִים; מוֹהֲרָא״ש פְלֶעגְט וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי צָרָה, עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן אוּנְז מְנִיוָולִים וָואס הַרְג׳ֶענֶען אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וְאֵין פּוֹצֶה פֶּה וּמְצַפְצֵף, קֵיינֶער זָאגְט גָארְנִישְׁט, יֶעדֶער אִיז שְׁטִיל. מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, אֵיינֶער וָואס טוּט מִיט קִינְדֶער מַעֲשֶׂה נְבָלָה דַארְף מֶען יֶענֶעם לֵייגְן אִין תְּפִיסָה פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר זָאל נִישְׁט זֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ גְרוֹיסֶער אַדְמוֹ״ר פוּן בְּרוּקְלִין אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן הֲיִתָּכֵן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן פַארְ׳מַסָרְ׳ט זַיינְס אַ מִתְפַּלֵּל, דֶער אַדְמוֹ״ר הָאט פַארְלַאנְגְט פוּן מוֹהֲרָא״ש עֶר זָאל אִים זָאגְן עֶר זָאל צוּרִיק צִיעֶן פוּן דִי מְסִירָה, הָאט אִים מוֹהֲרָא״ש גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וויל אַייךְ פְרֶעגְן אַ פָּשׁוּטְ׳עֶ שְׁאֵלָה, וֶוען אֵיינֶער וָואלְט דָאס גֶעטוּן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס וָואלְט אִיר גֶעטוּן? וֶוען אַ מְנִיוָול נֶעמְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן הַרְג׳ֶעט זֵיי וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים נִישְׁט לֵייגְן אִין תְּפִיסָה?״ יֶענֶער אַדְמוֹ״ר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

דִי עֵצָה פַאר דֶעם בָּחוּר וָואס פְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל טוּן, אוֹיבּ עֶר זָאל גֵיין נֶעמֶען טִפּוּלִים, אוּן פַאר אַנְדֶערֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם

הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, וָואס זֵיי פְרֶעגְן 'וָואס קֶענֶען מִיר טוּן אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אוּנְזֶער בְּלָאטֶע?' - אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל נֶעמֶען טִפּוּלִים פוּן רֶבִּי'ן; נָאר דֶער רֶבִּי קֶען הֵיילְן פוּן דִי טוּמְאָה, נָאר דֶער רֶבִּי קֶען הֵיילְן פוּן דִי זֻהֲמָה. אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים וואוּ, וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ פַאר וֶוען מֶען הָאט גֶעהַאט דַּעַת - דָאס הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס - דֶעם לֶעצְטְן טָאג) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער קֶענִיג וָואס הָאט זִיךְ פַארְקָאכְט אִין אַ בַּת מַלְכָּה בִּיז עֶר הָאט אִיר פַארְכַאפְּט, שְׁפֶּעטֶער אִיז זִי אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל זוּכְן וואוּ זִי אִיז, בִּיז מֶען הָאט אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן פֶעסְטוּנְג מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיינְלוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער אוּן דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן וִוי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר', וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען וִוי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַייְלְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמְ'עֶן, מֶען הָאט אִיר גֶעשָׁאסְן מִיט דִי פַייְלְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁמִירְט מִיט טוֹיטְלִיכֶע סַם, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפְּגֶעפַאלְן חַלָּשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

מוֹהֲרְנַ"ת גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חַלָּשׁוּת, מֶען וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע בְּלָאטֶע, מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב פָאלְגְט מֶען דֶעם

רֶבִּי'ן און מֶען נֶעמְט זַיינֶע עֵצוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, עֶס לִיגְט אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז עוֹסֵק זַיין מֶער אִין הַפָּצָה; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר ווילְט יֶעצְט הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה חִיזוּק אוֹיף אוּמַאן, אִיר וַוארְט אוֹיף תְּשׁוּבוֹת אוֹיב מֶען זָאל שׁוֹין פָארְן יֶעצְט אָדֶער וַוארְטְן, אֶפְשָׁר גֵייט מֶען פַארְמַאכְן דִי גְרֶענִיץ - אֶפְשָׁר נִישְׁט, וָואס זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה? יָא? נֵיין? אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ אַייךְ פוּן אַ ווִיכְטִיגֶערֶע זַאךְ, עֶס בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען ווֵייסְט נִישְׁט, אַלֶע שְׁלָאפְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען שְׁלָאפְט, אָדֶער שְׁלָאפְט מֶען נִישְׁט, מֶען ווֵייסְט יָא, נָאר מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; מִיר הָאבְן יָא אַ וֶועג צוּ רַאטֶעוֶועןְ דִי יוּגֶענְט, מִיר דַארְפְן גֵיין מֶער הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, בִּפְרַט דִי נֵייעֶ סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְן פַאר אוּנְזֶער דוֹר אוּן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹר, דָאס קֶען רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע יוּגֶענְט, מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן אַז מִיר טוּעֶן נִישְׁט גֶענוּג פַאר אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער, מִיר דַארְפְן טוּן נָאךְ מֶער.

מַאכְט אַייךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, דִי אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן - דִי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזוּק, אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט יֶענֶער אוֹיס ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד.

אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים הָאבְן מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר מוֹהֲרָא"ש אַז בְּשַׁעַת עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הֲפָצָה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים בַּיי אִים אִין שׁוּל הָאט אִים אֵיינֶער פָארְגֶעהַאלְטְן: "הֲיִתָּכֵן אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען? אַזוֹי אָפְן פוּן עֲבֵירוֹת?" מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֵפִיץ, דָאס קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶוען יֶענֶער וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען?" זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק פְרֶעגְן: "אוּן אַזוֹי טוּט מֶען?!" דֶער אִינְגֶערְמַאן דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג נָאכְאַמָאל אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן וַיָּבֹא, יֶענֶער אִיז דָא, עֶר פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל: "הֲיִתָּכֵן אַזוֹי שְׁרַייבְּט מֶען? אַזוֹי אָפְן פוּן עֲבֵירוֹת?!" פְרֶעגְט אִים דֶער מֵפִיץ: "אוּן אַזוֹי טוּט מֶען?" יֶענֶער אִיז גֶעוָוארְן ווַייס פַאר בּוּשָׁה, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שׁוּל; מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶעם מֵפִיץ.

װעלן נישט שװאך פון לצים; איינער װאס רעדט אויף די ספרים איז זייער ווייט, דער רבי זאגט (ספר המדות אות נאוף, סימן מז): ״הַנּוֹאֲפִים לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים״, די בעלי עבירה - די זענען װאס קריגן אויף צדיקים; מיר דארפן נישט קוקן אויף דעם, מיר דארפן זיך שטארקן װאס מער מיט הפצה.

# מַלְכוּת

## זיין צופרידן ווי אַזוי דער אייבערשטער פירט דעם מענטש

עס איז באוואוסט אז דער הייליגער דברי חיים פלעגט זאגן די דרייצן אֲנִי מַאֲמִין'ס עטליכע מאל א טאג, ער פלעגט דאס זאגן אין אידיש: ״אֲנִי מַאֲמִין - איך גלייב״, און ער פלעגט דאס זאגן מיט זיין נאמען: ״חיים גלייבט, בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה - שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים״, אז דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן און ער פירט דער וועלט, נאר ער אליין טוט אלעס און וועט אלעס טון; אזוי האט דער הייליגער צדיק זיך געחזרט אפאר מאל א טאג די אמונה. הלואי זאלן מיר זאגן די דרייצן ״אֲנִי מַאֲמִין'ס״ איין מאל א טאג, ווייל ווי מער מען חזר'ט די אמונה ווערט עס מער און מער אריין געקריצט אינעם מענטש.

מוהרא״ש זאגט אז מען זאל זיך צוגעוואוינען צו זאגן די אֲנִי מַאֲמִין'ס גלייך נאך בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה; מען זאל אנהייבן דעם טאג מיט דעם און דאס וועט העלפן אז אלעס וועט גיין געשמאק און רואיג, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב', סימן פב): ״וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר״, דאס װאס מען זעט אז אלעס גייט פארקערט ווי מען וויל, ״שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, דאס קומט צוליב דעם װאס דער מענטש זאגט: ״איך וויל!״ און ער טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן, ״וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר״, איינמאל אז מען טיילט זיך אפ פונעם אייבערשטן גייט אלעס פארקערט ווי מען וויל.

דערפאר דארף מען זיך איינגאנצן איבערגעבן צום אייבערשטן און גארנישט וועלן, נאר שטענדיג טראכטן ביי זיך: 'ווי אזוי דער אייבערשטער וויל - בין איך צופרידן', דעמאלט וועט אלעס גיין ווי דער מענטש וויל.

דער הייליגער רבי זאָגט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב) ער פירט זיך אַז ער גייט איבער דעם טאָג פאַרן איבערשטן, און ער מאַכט אָפּ ביי זיך אַז ווי אַזוי דער איבערשטער וויל זאָל ער עס פירן; "בִּפְרַט עֶרֶב שַׁבָּת און עֶרֶב יוֹם טוֹב פיר איך מיר איבער צו געבן פאַרן איבערשטן דעם טאָג". אַזוי האָט מען נישט נאָכדעם קיין סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים צי מען האָט אויס גענוצט דעם טאָג ריכטיג וְכוּ'.

איך האָף אַז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו זאָגן יעדן טאָג די דרייצן אֲנִי מַאֲמִין'ס ביז דאָס וועט דיר שוין זיין שָׁגוּר עַל פִּיו, דורכדעם וועט דיר גוט זיין בָּזֶה וּבַבָּא.

## פֶּסַח שֵׁנִי

### וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ

פֶּסַח שֵׁנִי איז אָנגעקומען אַז עס איז דער יאָרצייט פונעם הייליגן תַּנָּא רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, און גלייך נאָכדעם געפאַלט די יוֹמָא דְהִילוּלָא פון דעם הייליגן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; די הייליגע תַּנָּאִים רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס און רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי האָבן אַריין געבּרענגט וואָס זיי האָבן געלערנט ביי זייער רבי דער הייליגער תַּנָּא רַבִּי עֲקִיבָא (יְרוּשַׁלְמִי נְדָרִים ט, ד): "וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ - זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה", אַז די מִצְוָה פון וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ איז אַ גרויסע כְּלָל אין די תּוֹרָה; די אַנדערע תַּלְמִידִים האָבן זיך נישט פאַרטראָגן צווישן זיך דערפאַר איז גאַרנישט געבליבן פון זיי, זענען געקומען די הייליגע תַּלְמִידִים רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי און רַבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס מיט די איבריגע חֲבֵרִים און אַריין געבּרענגט אַ ליבשאַפט איינעם צום צווייטן, זיי האָבן אויסגעריסן די זאַך פון מַחֲלֹקֶת און זיך גרויסן איינער אויפ'ן צווייטן, דאָס איז די גרויסע שִׂמְחָה אין די טעג. אַזוי ווי מיר געפינען אין זוהר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכח.) רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי האָט געזאָגט פאַר זיינע תַּלְמִידִים: "אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", אונזער זאַך איז אַז מיר האָבן זיך ליב איינער דעם צווייטן; רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי האָט אַריין געבּרענגט אין זיינע תַּלְמִידִים אַז מען זאָל זיך ליב האָבן איינער דעם צווייטן, פלעגט מוהרא"ש זאָגן אויף דעם אַ שיינעם רֶמֶז: אֲ'נָ'ן' איז די ראָשֵׁי תֵּיבוֹת: "אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא", אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דאַרפן זיך האַלטן צוזאַמען און זיך ליב האָבן איינער דעם צווייטן.

## אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין גוּט

אֵיינֶע פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט וֶועגְן "פֶּסַח שֵׁנִי" (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּרוֹת הֲלָכָה ה, אוֹת טז).

דִי פַּרְשָׁה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי - אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֵא גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן "קָרְבַּן פֶּסַח" - זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט אַ טַעֲנָה (בַּמִּדְבָּר ט, ז): "'לָמָּה נִגָּרַע', וָואס זֶענֶען מִיר אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ בִּין טָמֵא, אִיךְ טָאר נִישְׁט מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, פַארְוָואס? אִיךְ ווִיל אָבֶער אוֹיךְ מַאכְן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה!" מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי רָצוֹן, דִי ווִילְן פוּן אָט דִי אִידְן, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פְרֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא גֵייט עֶפֶּעס זַיין, וַוייל וֶוען מֶענְטְשְׁן ווִילְן זַיין גוּט, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ: "לָמָּה נִגָּרַע" - הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן דָאךְ (שַׁבָּת קד.): "הַבָּא לִטַּהֵר", וֶוען מֶען ווִיל זַיין גוּט, "מְסַיְּעִים אוֹתוֹ", הֶעלְפְט מֶען פוּן הִימְל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל זֵיי גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן יֶעצְט דֶעם פֶּסַח.

דָאס אִיז אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז, מִיר זֶענֶען דָאךְ ווִי אַזוֹי מִיר זֶענֶען, "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלַל" (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן לט), מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי רָצוֹן, מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר וֶועלְן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לָמָּה נִגָּרַע, וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ? אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה. אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ פַארְלוֹירֶענֶער, הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר" - וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין, מֶען וֶועט אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט אָנְצוּהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

# לַ״ג בָּעֹמֶר

## אוּנְזֶער כֹּחַ אִיז אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר דִי גְרוֹיסֶע הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן, אוֹיךְ דִי שַׁבָּת נָאךְ לַ״ג בָּעֹמֶר.

אִיךְ וִויל אַייךְ נָאר בֶּעטְן אֵיין זַאךְ. רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט אִין זוֹהַר, אֵיידֶער עֶר הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי הֵיילִיגֶע סוֹדוֹת אִין פַּרְשַׁת נָשֹׂא, דִי אִדְּרָא קַדִּישָׁא, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַ לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַסַאךְ חַזֶר'ן מִיט אוּנְז, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע חֲבֵרִים (נָשֹׂא קכח.): ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא״, אוּנְזֶער זַאךְ אִיז זַיין חֲבֵרִים, אוּנְזֶער כֹּחַ אִיז נָאר אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבְּן, ״אֲנָן״ אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אַ'נְשֵׁי נַ'חַל נ'וֹבֵעַ; בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים מוּזְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר מוּזְן זִיךְ לַיידְן. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: ״מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס פַאר אַ מַדְרֵיגוֹת דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן בְּאַחְדוּת״.

זַייט מִיךְ נִישְׁט מְפַרְסֵם, זַייט עֶנְדֶערְשׁ מְפַרְסֵם דִי נוּמֶער פוּן דִי שִׁיעוּרִים, דִי בְּרִיוו אוּן גִּלְיוֹנוֹת. גֵייט הֲפָצָה מִיט דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתוּרְגָם; עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס; נִישְׁטָא אַ קוּנְטְרֵס וָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טְרֶעפְן דֶערִין, יֶעדֶע קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז דָא דֶערִין אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

## בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן שְׁפִּירְט מֶען אַזַא הֵיילִיגְקֵייט

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס מֶען שְׁפִּירְט לַ״ג בָּעֹמֶר בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, אַזוֹיפִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה.

## לְכוּ חֲזוּ מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרַנַ״ת

לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, אַ טָאג וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת. אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן - קֶענֶען אוֹיךְ פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת, מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פוּן דָארְט וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט לֶערְנֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן שְׁטִיקְל אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "לְכוּ חֲזוּ", אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן; זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַלֶעס גוּטְס.

תּוֹרָה לְכוּ חֲזוּ:

**לְכוּ חֲזוּ מִפְעֲלוֹת ה', הִתְגַּלּוּת נִפְלָא מִסּוֹד גְּדֻלַּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זַ"ל**, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: **רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הִבְטִיחַ** רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט צוּגֶעזָאגְט, **שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח תּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל עַל יָדוֹ** אַז דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת קלח:): **'כְּשֶׁנִּכְנְסוּ רַבּוֹתֵינוּ לַכֶּרֶם בְּיַבְנֶה'** וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יַבְנֶה, **'אָמְרוּ'** הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: **'עֲתִידָה תּוֹרָה שֶׁתִּשְׁתַּכַּח מִיִּשְׂרָאֵל'** עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי תּוֹרָה וֶועט חַס וְשָׁלוֹם פַארְגֶעסְן וֶוערְן בַּיי דִי אִידְן; דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס וֶועט זַיין אִין גָלוּת פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי בִּיטֶער, בִּיז דִי תּוֹרָה וֶועט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אוּנְז; דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, **'וְאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי'** הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעזָאגְט פַאר דִי חֲכָמִים: **'שֶׁלֹּא תִּשְׁתַּכַּח'** דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, **'שֶׁנֶּאֱמַר'** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לא, כא): **'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ'**; דֶער פָּסוּק שְׁטֵייט בַּיי דִי נְבוּאָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט נְבִיאוּת גֶעזָאגְט וָואס עֶס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף פוּן דִי גָלוּת, דֶער פָּסוּק זָאגְט דָארְט: 'וְהָיָה כִּי תִמְצֶאןָ אֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת' - עֶס וֶועט זַיין וֶוען עֶס וֶועט אָנְטְרֶעפְן דִי אִידְן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, 'וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ' - זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶס וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן אִידְן דִי תּוֹרָה, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְלֶען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מְגַלֶּה זַיין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה דוּרְךְ דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע צַדִּיקִים פוּן דֶעם דוֹר, וָואס וֶועלְן עֶרְקְלֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחָאי, (דָאס הֵייסְט דֶער סֵפֶר הַזֹּהַר פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן) אוּן וֶוער עֶס וֶועט זֵיי לֶערְנֶען - וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין גָלוּת, עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר נָשֹׂא דַּף קכד:): **'בְּהַאי חִבּוּרָא דְּאִיהוּ סֵפֶר הַזֹּהַר יִפְקוּן בֵּהּ מִן גָּלוּתָא'** מִיט'ן סֵפֶר הַזֹּהַר וֶועלְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת.

**וְעַתָּה** יֶעצְט, **בּוֹא וּרְאֵה** קוּם אוּן זֶע, **וְהָבֵן** אוּן פַארְשְׁטֵיי, **נִפְלָאוֹת נִסְתָּרוֹת** דִי

וואונדער פון די סודות - שֶׁל תּוֹרָתֵנוּ הַקְּדוֹשָׁה וָואס ליגט אין די תּוֹרָה, 'כִּי עַל כֵּן סָמַךְ רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי עַצְמוֹ עַל זֶה הַפָּסוּק כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ' דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ רַאֲיָ' אַז די תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', כִּי בֶּאֱמֶת בְּזֶה הַפָּסוּק בְּעַצְמוֹ מְרֻמָּז וְנִסְתָּר סוֹד הַזֶּה, שֶׁעַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחָאי, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשְׁתַּכַּח הַתּוֹרָה מִיִּשְׂרָאֵל וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק לִיגְט בַּאהַאלְטְן דֶער סוֹד אַז דוּרְךְ דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחָאי - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דוּרְךְ אִים וֶועט נִישְׁט זַיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה, 'כִּי סוֹפֵי תֵּבוֹת שֶׁל זֶה הַפָּסוּק כִּי' לֹא' תִשָּׁכַח' מִפִּי' זַרְעוֹ' הֵם אוֹתִיּוֹת יוֹחָאי וַוייל דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', אִיז דִי אוֹתִיּוֹת י וֹ חַ א י, וְזֶה שֶׁמְּרַמֵּז וּמְגַלֶּה הַפָּסוּק דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, 'כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ', 'מִפִּי זַרְעוֹ' דַּיְקָא דִי תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן פוּן דִי קִינְדֶער פוּן יוֹחָאי, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, הַיְנוּ 'מִפִּי זַרְעוֹ' שֶׁל זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁהוּא מְרֻמָּז וְנִסְתָּר בְּזֶה הַפָּסוּק, שֶׁהוּא הַתַּנָּא יוֹחָאי, כִּי עַל יְדֵי זַרְעוֹ שֶׁל יוֹחָאי שֶׁמְּרֻמָּז בְּזֶה הַפָּסוּק בְּסוֹפֵי תֵּבוֹת כַּנַּ"ל, שֶׁהוּא רַשְׁבִּ"י, עַל יָדוֹ לֹא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה, כִּי 'בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא' כַּנַּ"ל דוּרְךְ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וָואס הָאט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ 'כִּי בְּזֹהַר דָּא יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא', אַז מִיטְ'ן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - דוּרְךְ אִים וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וָואגְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן פָּארְנְדִיג פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶער זַאךְ, זָאגְט רֶבִּי נָתָן פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט זִיכֶער הֲנָאָה פוּן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער", זָאגְט דֶער רֶבִּי: "יָא, זִיכֶער", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער:

וְדַע שֶׁסּוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּעַצְמוֹ הוּא מְרֻמָּז בְּפָסוּק אַחֵר דֶער סוֹד פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַלֵיינְס אִיז מְרוּמָּז אִין אַ צְוֵוייטֶע פָּסוּק, כִּי דַע, כִּי הַתַּנָּא הַקָּדוֹשׁ רַבִּי שִׁמְעוֹן הוּא בִּבְחִינַת (דָּנִיֵּאל ד, י): 'עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית', רָאשֵׁי תֵּבוֹת שִׁמְעוֹן ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע לִיכְט וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שִׁמְעוֹ"ן.

אִין דִי כְּתַב יַד אִיז צוּגֶעלֵייגְט דִי פָּאר וֶוערְטֶער:

וְעַכְשָׁו יֵשׁ נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, שֶׁאֲפִלּוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא, גַּם כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם אָבֶער הַיינְט אִיז דָא אַ נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה, וָואס אֲפִילוּ דֶער עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא - דַארְף אוֹיךְ מְקַבֵּל זַיין פוּן דָארְט.

אַבִּיסְל פַאר אוּנְז קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער גָלוּת; דָאס פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז דֶער גָלוּת. וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר זֶעט מֶען וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל; וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען טוּט מִצְווֹת. מִיטְ'ן לֶערְנֶען זוֹהַר גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת, עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אִינֶעם גְרֶעסְטְן טוּנְקֶלְקֵייט - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אָבֶּער דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה; אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן זוֹהַר, מִיט דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע זַאכְן.

לִיקּוּטֵי תְּפִילוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז:

"הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דוּ הָאסְט אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ דַיין הֵיילִיגֶע זוֹהַר וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת, אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִין דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער, הַסְתָּרָה שֶׁבְּתוֹךְ הַסְתָּרָה – וֶועט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן דִי תּוֹרָה פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ".

וְהִנֵּה, יֶעצְט זֶענֶען מִיר אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַייט, דִי גָלוּת צִיט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט פַארְבַּיי וֶוערְן מִיר וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, מִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי יְתוֹמִים, קֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר אוּנְז.

פוּן אֵיין זַייט זֶעט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, פוּן דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל זֶעט מֶען אַ מִין בֶּענְקְשַׁאפְט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ דִיר, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַייטְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְבֶּענְקְט צוּ דִיר, מֶענְטְשְׁן ווילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק אָן אַ שִׁיעוּר, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁרֶעקְלִיךְ, אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אִין דִי עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ נִישְׁט דֶער וָואס זָאל דִיר קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט פָאר אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֵוייסְט דָאס אַלֵיינְס, דוּ וֵוייסְט דֶעם מַצָּב הַדּוֹר, וִוי אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פַאלְן נֶעבֶּעךְ, אִיךְ וִויל זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיסְרֶעדְן מַיין אֵייגֶענֶע וֵוייטָאג, אִיךְ אַלֵיינְס בִּין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּק מַיינֶע עֲבֵירוֹת, וִוי אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פוֹגֵם זַיין, עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּ', אִיךְ וֵויין צוּ דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַ פַארְלוֹירֶענֶער,

אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין וֶועג ווי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ פַארְעכְטְן? ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן? וואוּ קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְשְׁטֶעקְן פַאר בּוּשָׁה וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן? וֶויי אִיז מִיר, וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער? אִיךְ וֵוייס אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, דֶערִיבֶּער קוּם אִיךְ צוּ דִיר הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן ווי אַן אָרֶעמַאן וָואס בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים.

הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, ווי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶועק זִיךְ אוֹיף אוּן וֶועק אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים, אוּן קוּקְט וָואס גֵייט פָאר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיף מִיר זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ וֵוייסְט דָאךְ וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַלְץ אַרִיבֶּער פוּן אָנְהוֹיבּ גָלוּת בִּיז יֶעצְט, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם בִּכְלָלִיוּת וּבִפְרָטִיוּת, וּבִפְרַט אוֹיף מִיר, וָואס אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אוּן פוּן וֶוען מַיין נְשָׁמָה, רוּחַ וָנֶפֶשׁ, אוּן אַלֶע מַיינֶע גִלְגוּלִים זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, בִּפְרַט פוּן דֶעם גִלְגוּל, וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶועןְ; וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ פַארְטֵיידִיגְן?

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִין זַיין הַארְץ, אַ ווילְן מִיר צוּ הֶעלְפְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, לֵייג אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן אַלֶע אֶמֶתְ'עֶ צַדִיקִים זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן מִיר, זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנֶנֶעמֶען פַאר מִיר, זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן אִין מִיר גוּטֶע זַאכְן, זֵיי זָאלְן מִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּ דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְעכְטְן, אִיךְ זָאל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דוּ הָאסְט דָאךְ אוּנְז צוּגֶעזָאגְט אַז דוּרְךְ דִיר וֶועט דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוערְן, בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, קוּק נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר, אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן בִּיז אַהֶער, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן וֶועגְן ווי אַזוֹי צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאךְ גֵיי אִיךְ וַוייטֶער דֶערְצֶערֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ, (אַז אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זַיין בַּיי דַיין צִיוּן וֶועל אִיךְ דִיר דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען

אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר), אִין דִי זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען פַארְעֶכְטְן אַלֶעס, אָמֵן".

**וַוארְפְט אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' בְּהַר, ט"ז אִיָיר, ל"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין אַ הֵיילִיגֶע צַייט, עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר; יֶעצְט אִיז אַ פַּאסִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת א, ה) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט פוּן אוּנְז צְוֵויי זַאכְן, דִי הַארְץ אוּן דִי אוֹיגְן, "לִיבָּא וְעֵינָא תְּרֵי סַרְסוּרֵי דַחֲטָאָה נִינְהוּ", דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם טוּט עֶס אִים דֶערְוַוייטֶערְן, "אָמַר הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִי יְהַבְתְּ לִי לִיבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע דְאַתְּ לִי".

וַוארְפְט אַוֶועק דִי נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא דָאס צוּ טוּן, אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וֶועט אַייךְ נָאר אַרוֹיפְקוּקְן. אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק, אִיר וֶועט נִישְׁט קוּקְן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאגְלִיקְן מִיט גְלִיק אוּן פְרֵייד.

מִיר מוּזְן עֶפֶּעס טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת; אַז מִיר וֶועלְן נִישְׁט זַיין שְׁטַארְק - וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער... יֶעצְט קוּמְט אַזֶעלְכֶע נִסְיוֹנוֹת - וָואס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען; מִיר מוּזְן זַיין פֶעלְזְן פֶעסְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן דִי זַאכְן וָואס מֶען קוּקְט אִין דֶעם עֲבֵירוֹת.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

## הַדְלָקָה

**דִי הַדְלָקָה לְכָבוֹד הַתַּנָא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי**

לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען פוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת; וואוּ מֶען

גֶעפִינְט זִיךְ - קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן, נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט מֶען אָנְצִינְדְן דִי הַדְלָקָה לִכְבוֹד הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי; דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ גֵיין צוּ אַ הַדְלָקָה זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן גְרוֹיסְן טָאג.

## דִי הַדְלָקָה זָאל בְּרֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר

דִי הַדְלָקָה בְּרֶענְט אוּן פְלַאקֶערְט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי שִׂמְחָה דָא אִין מִירוֹן. מֶען דארְף אָבֶער זֶען אַז דִי פֵייעֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן, עֶס זָאל בְּלַייבְּן בְּרֶענֶען אוּן פְלַאקֶערְן אַ גַאנְץ יָאר, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי לֶערְנְט אוּנְז; בְּעִיקָר דִי ווַייבֶּער דַארְפְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, טוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס פִירְן זִיךְ אֵיידְל, וָואס שֶׁערְן זִיךְ דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה; אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּב, מֶען פַארְטְרַייבְּט דִי נִישְׁט גוּטֶע, מֶען הָאט פַּרְנָסָה.

מֶען דַארְף הַיינְט אַסַאךְ בֶּעטְן פַאר דֶעם, אַז דִי שְׁטוּב זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע, רֵיינֶע, עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב. מֶען מוּז גִיסְן תְּפִלּוֹת; דִי פְרוֹי בַּיי דִי לִיכְט וֶוען זִי צִינְדְט דִי שַׁבָּת לֶעכְט, אוּן דֶער מַאן בַּיי פְּתִיחַת הָאָרוֹן.

מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְמַאנֶען וֶוען מֶען הָאט עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, טֶעכְטֶער אוּן שְׁנִירְן וָואס וֶועלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן אוּן צוּדֶעקְן דִי קָאפּ אַזוֹי ווִי דִי צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט". אַזוֹי וֶועט דִי הַדְלָקָה בְּרֶענֶען אַ גַאנְץ יָאר, דִי שִׂמְחָה וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

## אַ נֵס בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין זְכוּת פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס אִין מִירוֹן. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי מַיין טַאטֶע'ס הַדְלָקָה - אִין חֶדֶר פוּן זַיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל קַארְלְסְבּוּרְג, נָאכְן הַדְלָקָה, נָאךְ דִי טֶענְץ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ לוֹיף שׁוֹין אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה, אִיךְ ווִיל

מִיטְהַאלְטְן דִי הַדְלָקָה, דִי פֵייעֶרְדִיגֶע טֶענְץ. נָאכְדֶעם טְרַאכְט אִיךְ אַז מַיין טַאטֶע גֵייט יֶעצְט מַאכְן דִי סְעוּדָה, וֶועל אִיךְ בְּלַייבְן, אִיךְ ווִיל טוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, זִיצְן בַּיי זַיין טִישׁ, אִיךְ וֶועל שׁוֹין גֵיין שְׁפֶּעטֶער.

נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט מֶען גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נֵייעֶס; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט גֶעוֶוען בַּיי יֶענֶעם פְּלַאץ, קֶען זַיין יָא, קֶען זַיין נִישְׁט - עַל כָּל פָּנִים פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם פַארְדִינְט מֶען נָאר, בָּזֶה וּבַבָּא.



בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ח אִיָּר, לַ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי נֶערְוֶוען וָואס קוּמְט בַּיי דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, ווִי לְמָשָׁל לַ״ג בָּעֹמֶר, פּוּרִים וְכַדוֹמֶה, פוּן "אוֹיסְנִיצְן דִי טָאג". פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִּרִישְׁן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טָאר דָאס נִישְׁט וֶוערְן נֶערְוֶוענְדִיג אוּן עַצְבוּת׳דִיג פוּן בִּלְבּוּלִים, פוּן זִיךְ שְׁלָאגְן אִין קָאפּ מִיט מַחֲשָׁבוֹת 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶענִיצְט דֶעם טָאג?' 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט?' 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶעדַאוֶונְט?' וְכַדוֹמֶה לָזֶה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אִין מִירוֹן וַוייל אִיךְ זֶע ווִי מֶענְטְשְׁן וֶוערְן נֶערְוֶועז אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן גֶענוּג. מֶענְטְשְׁן הֶערְן אַ וָוארְט, ווִי לְמָשָׁל 'וֵויינֶען אִין דִי מְעָרָה, טַאנְצְן אִין חָצֵר', 'אִינֶעוֵוייניג אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אִינְדְרוֹיסְן שִׂמְחַת תּוֹרָה'; אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן - וֶוערְט מֶען נֶערְוֶועז אוֹיבּ מֶען הָאט שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֵוייְנְט אוּן גֶענוּג גֶע׳שִׂמְחַת תּוֹרָה׳עֶט.

דִי שִׂמְחָה דָא אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן, אוּן אַז מֶען הָאט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן - אִיז גָאר גוּט, מֶען קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִלּוֹת מִיט דִי לִיפְּן ווִי מֶען אִיז, וואוּ מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### אַרויסנעמען פונעם טאָג לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה

הַיינט לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז זייער אַ גְרויסער טאָג, אִיךְ בִּין אִין מִירוֹן; דָא אִיז דִי שִׂמְחָה בִּיזְן הִימְל, מען שְׁפִּירְט דָא זאכן וָואס מען שְׁפִּירְט נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי.

דער עִיקָר דַארְפְן מִיר אַרויסנעמען פונעם טאָג לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נעם זִיךְ פָאר צוּ עֶסְן דִי דְרַיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. אֲפִילוּ עס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ וואשְׁן צוּ דְרַיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת. וַוייל רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעזָאגְט מַמָּשׁ אַיידער עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן (אִדְרָא זוּטָא, רפח:): "אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן, אַסְהַדְנָא עָלַי לְכָל אִלֵּין דְּהָכָא", אִיךְ זָאג עֵדוּת פַאר דִי אַלֶע צַדִּיקִים וָואס זענען דָא מִיט מִיר אִינעם אִדְרָא, "דְּהָא מִן יוֹמָאי לָא בָּטִילְנָא אִלֵּין ג' סְעוּדָתֵי", אִיךְ הָאבּ קַיינְמָאל נִישְׁט מְבַטֵּל גֶעוֶוען דִי דְרַיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "דְּמַאן דְּזָכֵי בְּהוּ", וֶוער עס אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דְרַיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת, "זָכֵי לִמְהֵימְנוּתָא שְׁלֵימָתָא", אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה; מִיר זעען אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט זִיךְ בַּארוּמְט אִין דעם טאָג וָואס עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן מִיט דער זַאךְ, וַוייל עֶסְן סְעוּדוֹת שַׁבָּת אִיז זייער גְרויס.

נעם זִיךְ פָאר (וָואס מֵיינְט 'נעם זִיךְ פָאר'? בעט דעם אײבּערשטן) דוּ זָאלְסְט עֶסְן יעדע שַׁבָּת דְרַיי סְעוּדוֹת און מַאכְן דִי סְעוּדוֹת פְרֵיילִיךְ, מִיט דַיין וַוייבּ און קִינְדער - וועסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

## זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְתִקּוּנֵי זוֹהַר

### גֵיין אִין מִקְוֶה פַארְן לערנען זוֹהַר

גֵיי אִין מִקְוֶה אַיידער דוּ לערְנְסְט זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ. זָאג דִי ווערטער אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס זָאגְן דִי ווערטער אַלֵיינְס אִיז מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר דעם מענטש.

### זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזוֹהַר און אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזוֹהַר. וֶוער עס לערנט זוֹהַר, עֶר זָאגְט דִי ווערטער פוּן זוֹהַר, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין - הוֹיבְּט אָן זען דָאס לִיבְשַׁאפְט וָואס דער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז אוּן וִוי חָשׁוּב יֶעדֶע מִצְוָה אִיז אִין הִימְל, אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, דָאס וַואשְׁט אָפּ דִי נְשָׁמָה. אוֹיךְ פַּאר דַיינֶע זִין זָאלְסְטוּ קוֹיפְן אַ סֵפֶר תִּיקוּנִים אוּן זֵיי מַרְגִּיל זַיין אִין זָאגְן תִּיקוּנִים.

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה

אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אִין מִירוֹן, דִי שִׂמְחָה דָא אִיז עַד אֵין לָשַׁעַר. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט כַּמָּה חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - תִּיקוּנִים, פוּן דִי צְוֵוייטֶע הַקְדָמָה בִּיז תִּיקוּן טוּ. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן יד וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז מְגַלֶּה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה. עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט אַלֵיינְס זֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז מְגַלֶּה (דַף ל:): "וְעִם כָּל דָא, אִם חָזַר בִּתְיוּבְתָּא", מִיט דֶעם אַלֶעם, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, "עֲלֵיהּ אִתְּמַר", אִיז אוֹיף אִים גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ו, י): "וָשָׁב וְרָפָא לוֹ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוּן גֶעבְּט אִים צוּרִיק אַלֶעס, "וְיָהִיב לֵיהּ בַּת זוּגֵיהּ", עֶר בַּאקוּמְט זַיין שִׁידוּךְ, עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ שָׁלוֹם בַּיִת.

אַפָּאר שׁוּרוֹת פְרִיעֶר רֶעדְט מֶען אוֹיבּ מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף נַשְׁגַ"ז - דַאן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, אוּן אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין חִידוּשׁ, נָאכְדֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "עַל הַכֹּל מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", אוֹיף אַלֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אוּן אַז קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר.

אַשְׁרֵינוּ מַה טוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן צַדִיקִים וָואס הָאבְּן רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, אוּן וַוייזְן אוּנְז דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין, מִיר זָאלְן קֶענֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

## דֶער צַדִיק לֶערְנְט אוֹיס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיט דִי קְלֵיינִיקֵייטְן

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (תִּיקוּן כא, דַף מז:): "וּמַה דַהֲוָה סְגוּלָה לְעֵילָא כְּגַוְונָא

דָא . . כַּד נָחְתָא לְגַבֵּי צַדִּיק אִתְעֲבִידַת סֶגוֹ"ל כְּגַוְונָא דָא . . "; מִיט דִי הַקְדָּמָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעט) : "דַּע, שֶׁיֵּשׁ שֶׁאוֹמְרִים תּוֹרָה מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה, וְהִיא מִלְּמַטָּה רְחָבָה מְאֹד, שֶׁלְּמַטָּה מַרְחִיבִין הַדָּבָר וּמַגְדִּילִין אוֹתוֹ מְאֹד", עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן תּוֹרָה, אוּנְטְן אִיז דָאס אַ בְּרֵייטֶע תּוֹרָה, זֵייעֶר אַ בְּרֵייטֶע, "וּלְמַעְלָה הוּא קָצָר" Δ; דָאס הֵייסְט מֶען רֶעדְט גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען פַארְלַאנְגְט אַסַאךְ, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר בְּרֵייט, "וּלְמַעְלָה הוּא קָצָר, וְהוֹלֵךְ וּמְקַצֵּר וְעוֹלֶה, עַד שֶׁלְּמַעְלָה מַעְלָה הוּא קָצָר מְאֹד מְאֹד", אָבֶער אוֹיבְן וֶוערְט דִי תּוֹרָה קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, בִּיז עֶס וֶוערְט מַמָּשׁ קְלֵיין, "כִּי לְמַעְלָה לֹא נִשְׁאָר מִמֶּנָּה כְּלוּם", אוֹיבְן בְּלַייבְּט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט פוּן דִי תּוֹרָה, "רַק מְעַט מְעַט, כִּי בְּוַדַּאי יֵשׁ שָׁם אֵיזֶה נִיצוֹץ הַקָּדוֹשׁ", עֶפֶּעס אַ פִּינְטֶעלֶע בְּלַייבְּט.

מוֹהֲרַא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן דְרָשׁוֹת אוּן תּוֹרוֹת, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר בְּרֵייט, עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶער וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דִי תּוֹרָה? וָואס נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי דְרָשָׁה? גָארְנִישְׁט! דֶערִיבֶּער זֶעט דָאס אוֹיס אַזוֹי: Δ בְּרֵייט פוּן אוּנְטְן, אוּן אוֹיבְן בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט. "אֲבָל יֵשׁ לְהֵפֶךְ, שֶׁאוֹמְרִים תּוֹרָה מִלְּמַעְלָה לְמַטָּה" ∇, עֶס זֶענֶען דָאס וָואס זָאגְן תּוֹרָה פוּן אוֹיבְן צוּ אוּנְטְן, "וְשָׁם לְמַעְלָה הִיא רְחָבָה מְאֹד מְאֹד", אוֹיבְן אִיז דָאס אַ בְּרֵייטֶע תּוֹרָה, "וְכָל מַה שֶּׁיּוֹרֶדֶת לְמַטָּה מִתְקַצֶּרֶת וְיוֹרֶדֶת, עַד שֶׁלְּמַטָּה הִיא קְצָרָה מְאֹד, וְהִיא רַק מְעַט מְעַט לְמַטָּה", ווִי מֶער עֶס קוּמְט אַרָאפּ דָא אוּנְטְן וֶוערְט דָאס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, "אֲבָל לְמַעְלָה הִיא רְחָבָה מְאֹד", אָבֶער אוֹיבְן אִיז דָאס זֵייעֶר גְרוֹיס.

מוֹהֲרַא"שׁ אִיז מַסְבִּיר, עֶס אִיז דָא צַדִּיקִים וָואס זָאגְן תּוֹרָה, אוּנְטְן זֶעט דָאס אוֹיס זֵייעֶר קְלֵיינְטְשִׁיג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֵייטֶע תּוֹרָה, אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן אַזַא דְרָשָׁה וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוערְט עֶס בְּרֵייט, דֶער צַדִּיק זָאגְט אַז קְלֵיינֶע תּוֹרָה, עֶר זָאגְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ פִּינְטֶעלֶע, ווִי אַ קְלֵיינֶע דְרָשָׁה, אַ גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶס וֶוערְט בְּרֵייט, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דָאס קֶען זַיין, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט: "כַּד נָחְתָא לְגַבֵּי צַדִּיק אִתְעֲבִידַת סֶגוֹ"ל כְּגַוְונָא דָא . . ", דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס "טוּ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶעךְ, טוּ קְלֵיינֶע זַאכְן", אוֹיבְן אִיז עֶס נִישְׁט קְלֵיין, נָאר דָא אִיז עֶס קְלֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ, "הוֹיבּ אָן דִינֶען

דעם אייבערשטן אֲפִילוּ דו האסט נישט קיין טַעַם, קיין הֶרְגֵשׁ״, שפעטער וועט ווערן ברייטער; וְהַבֵּן לְמַעֲשֶׂה.

## סֵפֶר חָזִיתָ אִישׁ

איך האב געמאכט אַ קליינע הַקְדָּמָה פאר די וועכנטליכע קונטרסים, מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף, וועט מיר וועלן קענען ארויסגעבן דעם פירוש אויפ׳ן גאנצן ספר וועל איך שרייבן אַ שיינע הַקְדָּמָה.

שטייט אין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): ״חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ״ ווען דו זעסט אַ מענטש וואס איז פלינק אין זיין אַרבעט, זאלסטו וויסן - ״לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב״ ער וועט צום סוף שטיין פאר קעניגן, זאגן אונז די הייליגע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): ״אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים״ דאס מיינט מען די צַדִּיקִים, ״שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״ וואס זיי באשעפטיגן זיך אין די אַרבעט פונעם אייבערשטן; זיי ברענגען צוריק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צום הייליגן באשעפער, זיי זאלן גיין אין די וועגן פון די תּוֹרָה.

דאס געפינען מיר אָן אַ שִׁיעוּר מאל אינעם הייליגן סֵפֶר זוֹהַר, דאס גרויסקייט פון די צַדִּיקִים וואס זיי לעבן מיט די תּוֹרָה, זיי לעבן מיט׳ן הייליגן באשעפער; זיי זענען זוֹכֶה ביים סוֹף: ״לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב״ זיי וועלן זיך זען מיט׳ן לעבעדיגן באשעפער, ״בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים״.

וויבאלד מיר האבן געהערט אַלע יארן ווי מוֹהֲרַ״אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ איז מִשְׁתּוֹקֵק עס זאל ארויסקומען אַ פירוש אויף זוֹהַר וואס אֲפִילוּ קליינע קינדער וועלן קענען לערנען און פארשטיין, האבן מיר בְּסִיַּעְתָּא דִּשְׁמַיָּא געשריבן אַ לייכטע פירוש אויפ׳ן סֵפֶר זוֹהַר, וואס אֲפִילוּ פשוט׳ע מענטשן זאלן דאס קענען לערנען און פארשטיין, און באקומען אַ חֵשֶׁק צו לערנען דעם הייליגן סֵפֶר.

ביי די וועלט איז אָנגענומען, אויב מען לערנט זוֹהַר איידער מען איז פערציג יאר אַלט - קען מען מְשׁוּגָע ווערן, אָבער מוֹהֲרַ״אשׁ פלעגט שפעטן דערפון; מוֹהֲרַ״אשׁ האט געזאגט: ״עס איז נישט אֱמֶת, מען ווערט נישט מְשׁוּגָע פון לערנען זוֹהַר, מְשׁוּגָע ווערט מען אויב מען טוט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, און אויב מען לערנט זוֹהַר ווערט מען אַ גרויסער צַדִּיק״.

איך האב א נאמען געגעבן דעם ספר: "חָזִיתָ אִישׁ". מיר געפינען כמעט פאר יעדע שטיקל זוהר דעם לשון תָּא חֲזִי - קום און זע; עס שטייט פון צדיקים, אין גמרא איז דא דער לשון 'תָּא שְׁמַע' קום און הער, אבער אין זוהר הקדוש איז דער לשון 'תָּא חֲזִי' קום און זע, ווייל דער הייליגער ספר זוהר עפנט אויף די אויגן, מען זאל זען מיט די אויגן דעם אייבערשטן אין יעדן זאך. "חָזִית" איז מלשון "תָּא חֲזִי", און אינעם ווארט "אִישׁ" איז מרומז די נאמען פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו וואס האט זיך מוסר נפש געווען פאר מיר, ער האט רחמנות געהאט אויף מיר, מיך מקרב געווען צום בורא כל עולמים און מיר געעפנט די אויגן איך זאל שפירן דעם אייבערשטן און זען אין יעדע זאך רוחניות אלקותו יתברך.

אויך איז מרומז אינעם ווארט אי"ש די נאמען פון מיין זיידע, קארלסבורגער רב, רבי י'חזקאל רוטה זכותו יגן עלינו, וואס ער האט אין מיר אריינגעלייגט א גליסטעניש צום הייליגן ספר זוהר. איך האב זוכה געווען צו לערנען מיט אים פון אלס קינד בחברותא פאר לאנגע יארן דעם הייליגן ספר זוהר, איך האב זוכה געווען צו זיצן גאנצע וואכן אין מערת רבי שמעון בר יוחאי אין מירון מיט אים, און באקומען א שטיקל טעם, א שטיקל געפיל - צו די הייליגע זאכן, אויך איז מרומז אינעם ווארט אי"ש מיין נאמען.

דער אייבערשטער זאל העלפן, דורך לערנען דעם הייליגן זוהר זאלן מיר אלע ווערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן. אזוי ווי דער הייליגער צדיק רבי ברוכ'ל פון מעזיבוז זכותו יגן עלינו האט געזאגט פשט אינעם שער הזוהר: "זֶה סֵפֶר הַזּוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זכותו יגן עלינו", האט ער געזאגט: "זֶה סֵפֶר", דער דיאמאנט, "הַזּוֹהַר", וואס שיינט אין אלע וועלטן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עס באהעפט אידישע קינדער צום הייליגן באשעפער, "תַּנָּא", עס לערנט אונז אז עס איז דא א באשעפער, דאס האט מחבר געווען דער הייליגער "רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זכותו יגן עלינו", בָּרוּךְ י' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

### ווי אזוי האט מען שייכות מיט רבי שמעון בר יוחאי

אז מען האט שייכות מיט רבי שמעון בר יוחאי א גאנץ יאר - איז ל"ג בעומר גאר אנדערש; ווי אזוי האט מען שייכות מיט רבי שמעון בר יוחאי? אז מען לערנט זוהר און תיקונים.

לַ״ג בָּעֹמֶר אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ מַאכְן אַ הַתְחָלָה, אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר; דָאס וַואשְׁט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, עֶס רֵיינִיגְט אוּן הֵיילִיגְט.

### וואוּיל אִיז פַאר דִי וָואס לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזּוֹהַר

״וְאַשְׁרֵי הַנּוֹסְעִים עַל צִיּוּנֵךְ, וְלוֹמְדִים מַאֲמָרֵיךְ״, וואוּיל זֶענֶען דִי וָואס קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ אוּן וואוּיל אִיז פַאר דִי וָואס לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזּוֹהַר.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעזָאגְט סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי הַארְצְרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב׳, תְּפִלָּה מז), דִי תְּפִלָּה אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְ׳ן תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְגַלֶּה דָארְט אַז דַיְקָא פוּנֶעם פָּסוּק וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז מַבְטִיחַ שֶׁלֹּא תִשָּׁכַח הַתּוֹרָה מִפִּי זַרְעוֹ קוּמְט אַרוֹיס דִי סוֹפֵי תֵּיבוֹת יוֹחָאִי, כִּ׳י לֹ׳א תִשָּׁכַ׳ח מִפִּ׳י זַרְעוֹ׳, דַוְקָא דוּרְךְ יוֹחָאִי׳ס קִינְד - רֶבִּי שִׁמְעוֹן - וֶועט דִי תּוֹרָה בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; דִי תְּפִלָּה אִיז אַזַא זִיסֶע תְּפִלָּה, עֶס עֶפְנְט דִי הַארְץ.

נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ מְסַיֵּים גֶעוֶועְן דֶעם סֵפֶר הַתִּקּוּנִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועְן צוּ עֶנְדִיגְן דִי יָאר דֶעם סֵפֶר הַזּוֹהַר, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין כִּמְעַט בַּיים סוֹף, מִיר הָאבְּן נָאךְ אַפָּאר פַּרְשִׁיּוֹת צוּ לֶערְנֶען; ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט שְׁטֵיין אוֹיף מִיר אוּן זֶען מִיר זָאלְן עֶנְדִיגְן אִינְאֵיינֶעם דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר, אִיךְ ווִיל קוּמֶענְדִיגֶע יָאר לַ״ג בָּעֹמֶר מַאכְן דִי סִיּוּם דָא בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וֶועלְן קוּמֶען מִיט מִיר.

עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דֶער גַאנְצֶער קוּמֶען אוֹיף מִירוֹן וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ גַאנְץ יָאר דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר.

### דִי סוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין סֵפֶר תִּיקּוּנִים

זֶע צוּ מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן טָאג לַ״ג בָּעֹמֶר. דֶער רֶבִּי

הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רְפָּה) : "עַל סֵפֶר הַתִּקּוּנִים לְבַד לֹא יַסְפִּיקוּ אֲלָפִים סְפָרִים לְבָאֵר עֹצֶם רִבּוּי הַסּוֹדוֹת שֶׁיֵּשׁ שָׁם", טוֹיזְנְט סְפָרִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג פַארְשְׁטֵיין צוּ גֶעבְּן דִי סוֹדוֹת וָואס אִיז דָא אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים ; עַיֵּין שָׁם.

## סְעוּדַת לַ"ג בָּעֹמֶר

### דִי זְכוּת פוּן נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין דִי סְעוּדָה

אִיךְ ווִיל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט צוּזַאם נֶעמֶען פְּרוּוּעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן זֵיי פְּרֶעגְן וֶוער עֶס וִויל נֶעמֶען אַ טֵייל אִינֶעם סְעוּדַת "לַ"ג בָּעֹמֶר", וָואס וֶועט אִם יִרְצֶה ה' פָּארְקוּמֶען מִיטְוָואךְ נַאכְט אִין יְשִׁיבָה.

דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייךְ אַלֶע, בִּזְכוּת הַתַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאל נִשְׁפַּע וֶוערְן אוֹיף אַייךְ אַלֶע, אִיר זָאלְט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט : דִי חֲתוּנָה אִיז דָארְט - אִין מִירוֹן - אָבֶּער דֶער חָתָן אִיז דָא" ; וַוייל דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט דִי דִיבּוּרִים פוּנֶעם צַדִיק דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער צַדִיק.

### מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם זוֹהַר

בִּיז דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רְשׁוּת אַרַיינְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף נָאךְ צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת, אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אִין מִירוֹן דֶעם יָאר לַ"ג בָּעֹמֶר [תשפ"א].

אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין רְשׁוּת וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט צוּשְׁטֶעלְן אַ סְעוּדָה פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּגְרֵייטְן מוּזִיק (אוֹיךְ קְלַארִינֶעט וָואס שְׁפִּילְט אִין מִירוֹן) ; מִיר וֶועלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה לֵיל שִׁישִׁי אִין יְשִׁיבָה פַאר אֲנָשִׁים, אוּן אוֹיךְ אִין וַוייבֶּער שׁוּל פַאר דִי נָשִׁים אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ יוֹם טוֹב, אַ טָאג וָואס אַלֶע אִידְן פְרֵייעֶן זִיךְ אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם זוֹהַר, דִי פְּנִימִיּוֹת הַתּוֹרָה.

[אִין אַ שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה :

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה ה׳ זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן, אִיךְ הָאבּ הַיינְט בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; נָאךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בֶּענְקֶענִישׁ וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה ה׳ דִּי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל].

## מִירוֹן

### דִּי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן

וֶוער עֶס הָאט נָאר אֵיין מָאל טוֹעֵם גֶעוֶועןן דָאס זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן - דֶער קֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, דֶער קוּמְט שׁוֹין צוּרִיק אַלֶע יָארְן. מֶען שְׁפִּירְט אַזַא שִׂמְחָה; מִי שֶׁלֹּא רָאָה שִׂמְחָה זוֹ, לֹא רָאָה שִׂמְחָה מִיָּמָיו, עֶס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דֶער גַאנְצֶער בַּארְג בְּרֶענְט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע קְדוּשָּׁה; ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען זִיךְ פְרֵייעֶן בַּיי דִּי הִלּוּלָא קַדִּישָׁא.

אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אִין מִירוֹן קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין מִיט דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא אֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר הַזֹּהַר.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ - לֶעבְּן מִיט דִּי סוֹדוֹת וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז מְגַלֶּה; דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן טֵייעֶרְקֵייט פוּן דִּי מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן.

### אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ פָארְן לַ״ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן, וָואס טוּ אִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פָארְן דָאס יָאר לַ"ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן. אִיךְ בִּין גֶעוֶועןן דָארְט צְוֵויי יָאר צוּרִיק בִּשְׁעַת דִּי שְׁרֶעקְלִיכֶע אוּמְגְלִיק רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ פָארְן, אָבֶער אִיךְ בֶּענְק זִיךְ שׁוֹין צוּם רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם גְרוֹיסְן טָאג. אוֹיךְ אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ לָאזְן מַיין מַאן פָארְן, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא מֶען זָאל זִיךְ שְׁטוּפְּן דָארְט אוּן עֶס זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ אַ סַכָּנָה חַס וְשָׁלוֹם.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, זָאל אִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ פָארְן עֶנְדֶערְשׁ

אִין אַ רואִיגֶע צַייט? זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין מַאן פָאְרן? אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶר זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ אַ בְּרָכָה פַאר קִינְדֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן אִיז דִי הִלּוּלָא [חֲתוּנָה] פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, עֶס וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת. דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ פָארְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מִירוֹן צוּ זַיין דָארְט לַ"ג בָּעֹמֶר (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר סְפִירַת הָעֹמֶר, פֶּרֶק ז).

מֶען דַארף זִיךְ נִישְׁט שְׁטוּפְּן, מֶען קֶען זִיצְן אִין אַ שְׁטִילֶע ווינְקְל אוּן דָארְט בֶּעטְן. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן קוּמֶען לַ"ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן, אָבֶּער עֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין דִי מְעָרָה, עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אִינְדְרויסְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן אִיז לִיכְטִיג אוּן הֵיילִיג.

דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק ב', מִכְתָּב רלה): "בְּמֶשֶׁךְ כָּל הָעֶשְׂרִים וְאַרְבַּע שָׁעוֹת שֶׁל לַ"ג בָּעֹמֶר", אִין דִי גַאנְצֶע פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה פוּן לַ"ג בָּעֹמֶר, "כָּל הָהָר כֻּלּוֹ הוּא מְקֻדָּשׁ", אִיז דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן גֶעהֵיילִיגְט, "וְהַשִּׂמְחָה וְהָאוֹר מְאִירִים בְּכָל הָהָר הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה", עֶס שַׁיינְט אַ לִיכְט אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַ שִׂמְחָה אוֹיפְן גַאנְצְן בַּארְג. "אֵיפֹה שֶׁאָדָם יַעֲמֹד אוֹ יֵשֵׁב", וואוּ מֶען זָאל נָאר שְׁטֵיין אוּן וואוּ מֶען זָאל נָאר זִיצְן, "יָכוֹל שָׁם לִבְכּוֹת וּלְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ", קֶען מֶען זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען אוּן אוֹיסְבֶּעטְן, "וִיקַבֵּל אֶת כָּל מְבֻקָּשׁוֹ", אוּן מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן אַלֶעס וָואס מֶען בֶּעט.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גֵיין קַיין מִירוֹן, אִיר קֶענְט גֵיין לַ"ג בָּעֹמֶר אוּן אוֹיךְ אַייעֶר מַאן קֶען גֵיין, עֶס אִיז כְּדַאי צוּ זַיין אִין מִירוֹן אֲפִילוּ פַאר אַ שָׁעָה. אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר בַּאקוּמְט יֶעדֶער אַ מַתָּנָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן טֵיילְט מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

בִּפְרַט וֶוער עֶס וַוארְט אוֹיף קִינְדֶער; וֶוער עֶס ווִיל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער - זָאל גֵיין קַיין מִירוֹן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן דָאס הַארְץ, וֶועט עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**צוּזָאגְן אִין מִירוֹן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן, כְּדֵי גֶעהָאלְפְּן צוּ וֶוערְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר, אוּן עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַ סְגוּלָּה גֶעהָאלְפְּן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אַז מֶען זָאל צוּזָאגְן בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ אִין מִירוֹן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן פַארְן אִינְגְל וָואס מֶען וֶועט הָאבְּן.

שׁוֹין פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעוָואלְט טוּן, מַיין וַוייבּ הָאט אָבֶער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זִי שֶׁעמְט זִיךְ אַז מֶען וֶועט זֶען אַז מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ לַחַץ גֶעהָאלְפְּן צוּ וֶוערְן. אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נָאר צוּזָאגְן צוּ מַאכְן דִי חַאלַאקֶע אִין מִירוֹן, אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ יָאר אוּן מִיר זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

יֶעצְט בִּין אִיךְ נָאךְ מֶער בַּאזָארְגְט, נָאכְדֶעם וָואס מַיינֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן חֲתוּנָה אוּן אֶפְשָׁר וֶועלְן זֵיי הָאבְּן קִינְדֶער פַאר אוּנְז.

זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען דֶעם גֶעדַאנְק צוּ טוּן דִי סְגוּלָּה אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

צְוֵויי זַאכְן דַארְפְּסְטוּ וִויסְן; אֵיינְס, הָאבְּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין פַארְמֶעסְט. אַז אַ יוּנְגֶערֶער אִין דִי מִשְׁפָּחָה הָאט עֶרְשְׁט קִינְדֶער, אָדֶער מֶער קִינְדֶער - אִיז דָאס נִישְׁט אַ צָרָה אוּן נִישְׁט קֵיין פַארְמֶעסְט; קִינְדֶער אִיז אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וֶוען מֶען הָאט, וֶוער עֶס הָאט עֶרְשְׁט, וְוִיפִיל קִינְדֶער מֶען הָאט אוּן וֶוער עֶס הָאט מֶער קִינְדֶער; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

צְוֵוייטְנְס, מֶען קֶען פוֹעֶל'ן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי קִינְדֶער אֲפִילוּ מֶען זָאגְט נִישְׁט צוּ אַז מֶען וֶועט גֶעבְּן אַ נָאמֶען שִׁמְעוֹן. בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז נוֹגֵעַ אִין דַיין שְׁלוֹם בַּיִת, דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט גֶעבְּן שִׁמְעוֹן, זִי שֶׁעמְט זִיךְ וְכוּ' - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן אַז דוּ וֶועסְט לֶעבְּן בִּשְׁלוֹם מִיט אִיר, דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן; וֶועסְטוּ מִיט דֶעם פוֹעֶל'ן קִינְדֶער.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן פוּנֶעם תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (שִׁיר הַשִּׁירִים

רַבָּה א, לא), אַ פָּארְפָאלְק זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אַז זֵיי וִוילְן זִיךְ גֶטְ'ן, הֱיוֹת עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר וָואס זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט נִפְקַד גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ סְעוּדָה פַאר זֵיי גֶטְ'ן זִיךְ. בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה, וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גוּט בְּגִלוּפִין פוּן אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וַויין, הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "הֱיוֹת מִיר הָאבְּן גֶעהַאט שֵׁיינֶע יָארְן צוּזַאמֶען אוּן יֶעצְט גֵייעֶן מִיר זִיךְ גֶטְ'ן, ווִיל אִיךְ דִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ טֵייעֶרֶע זַאךְ פוּן מַיין פַארְמֶעגְן, קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ פַאר דִיר אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ צֶעשֵׁיידְן", הָאט זִי אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ טְרַאכְטְן.

דֶער מַאן הָאט וַוייטֶער גֶעטְרִינְקֶען וַויין, בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד טוֹיט שִׁיכּוֹר אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. הָאט דִי פְרוֹי גֶעבֶּעטְן דִי מְשָׁרְתִים זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְלֵייגְן אִין בֶּעט אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ, צוּמָארְגְנְס וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט וואוּ עֶר אִיז – הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בִּשְׁעַת מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי סְעוּדָה הָאסְטוּ מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ גוּטֶע חֵפֶץ פוּן דַיין פַארְמֶעגְן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי דִיר, דוּ בִּיסְט מַיין בֶּעסְטֶע זַאךְ!"

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ זִי הָאט דִיר אַזוֹי לִיבּ אוּן זִי ווִיל זִיךְ נִישְׁט צֶעטֵיילְן פוּן דִיר, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ אַז אִיבֶּער אַ יָאר וֶועט אִיר הָאבְּן אַ קִינְד", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער; אַלֶעס נָאר צוּלִיבּ דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם וָואס אִיז גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי.

דַארְפְסְט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר זִיךְ דָאס צוּ מְקַבֵּל זַיין, זַיי זִיךְ שׁוֹין מְקַבֵּל צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ אוּן אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער – וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## אויסצוגן פון די נסיעות קיין מירון במשך די פאַרגאַנגענע יאָרן
## סוף אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב

...דערנאָך זענען מיר געפאָרן קיין מירון. אַבְרָהָם רוֹטְמַאן, איינער פון די גַבָּאִים אין יְרוּשָׁלַיִם האָט אונז צוגעשטעלט אַ דִירָה פאַר אַלע בַּחוּרִים מיט היימישע פרישע עסן, זיין ווייב האָט דאָס אַלעס אָפּגעקאָכט. איך האָב זיך נאָך געקענט אַראָפּלייגן פאַר איין שָׁעָה לְכָבוֹד שַׁבָּת.

איך בין געגאַנגען צו מיין טאַטע שְׁלִיטָ״א געבן שָׁלוֹם, אויך צו מיין מאַמע. מיין מאַמע האָט דעמאָלט געצינדן לעכט. נאָכן צינדן האָב איך איר געגעבן שָׁלוֹם, זיי האָבן זיך זייער געפרייט.

איך האָב געזאָגט שִׁיר הַשִּׁירִים, מיין טאַטע האָט מיר געבעטן צו זיצן נעבן אים. מיין טאַטע שְׁלִיטָ״א האָט געדאַווענט מִנְחָה, איך האָב זיך מִתְבּוֹדֵד געווען. נאָכן דאַווענען מִנְחָה זענען מיר אַרויף צו די מְעָרָה דאַווענען קַבָּלַת שַׁבָּת. איך האָב זייער אַסאַך געבעטן, כִּמְעַט אַ גאַנץ דאַווענען - פאַר שִׂמְחָה, איך בין נישט געווען פריילִיך; קען זיין פון אויסגעמוטשעטקייט פון נישט שלאָפן אַפּאָר טעג, איך האָב געבעטן און געבעטן: ״באַשעפער מאַך מיך פריילִיך, גיב מיר אַ מֹחַ מַחֲשָׁבָה״.

פאַר לְכָה דוֹדִי האָט מיין טאַטע שְׁלִיטָ״א גערעדט אין די מְעָרָה פאַר אַפּאָר מִינוּט. מיין טאַטע האָט גערעדט פון דאָס גרויסקייט פון זיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן שַׁבָּת פָּרָשַׁת פָּרָה. בְּתוֹךְ הַדְּבָרִים האָט ער נאָכגעזאָגט פון רֶבִּי נָתָן אַ שטיקל לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (יוֹרֶה דֵעָה הִלְכוֹת בָּשָׂר וְחָלָב הֲלָכָה ה, אוֹת כד), רֶבִּי נָתָן זאָגט אַז די זאַך פון פָּרָה אֲדוּמָה איז אַ גרויסע חִידוּשׁ, ווייל אַלע קָרְבָּנוֹת איז מען מַקְרִיב דַוְקָא אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִבִּפְנִים, און פָּרָה אֲדוּמָה מאַכט מען דַוְקָא אינדרויסן, כָּל מַעֲשֶׂיהָ מִבַּחוּץ; פָּרָה אֲדוּמָה איז אַזעלכע הוֹיכע הַשָּׂגוֹת – וואָס מיר קענען בִּכְלָל נישט מַשִּׂיג זיין, און נאָר אַזוֹי קענען מיר זיך מְטַהֵר זיין פון אֲבִי אָבוֹת הַטוּמְאָה; מיר איז דאָס געווען אַ וואונדער, איך האָב נאָכנישט געהערט מיין טאַטע שְׁלִיטָ״א נאָכזאָגן בַּיי אַ דְּרָשָׁה פון הייליגן רֶבִּי נָתָן.

מען האָט געטאַנצן פאַר כְּגַוְנָא דעם שִׁיר בַּר יוֹחָאִי כְּמִנְהַג מִירוֹן. אין מִירוֹן טאַנצט מען אַלע שַׁבָּתִים נאָך קַדִּישׁ פאַר כְּגַוְנָא ״בַּר יוֹחָאִי״ און ״אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא״; עס איז געווען זייער שיין.

נאָכן דאַווענען האָבן מיר געזאָגט דעם זוֹהַר פון די גרויסקייט פון סְעוּדוֹת לֵיל שַׁבָּת.

מַיין טַאטֶע אִיז אַרוֹיף צוּם צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע. מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ פֶּלֶא, שַׁבָּת גֵייט מֶען דָאךְ נִישְׁט צוּ קַיין צִיוּן. אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט, הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דָאס מְבַרֵר גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף אַ תְּשׁוּבָה. אִיךְ בִּין מִיטְגֶעגַאנְגֶען, עֶר הָאט דָארְט גֶעזָאגְט פֶּרֶק בְּמַה מַדְלִיקִין, גֶעזִינְגֶען אַ נִיגוּן אוּן גֶעזָאגְט אַ קַדִישׁ.

מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט אַ טֵייל פוּן דִי בָּחוּרִים אַרוֹיף אוֹיפְ'ן בַּארְג נֶעבְּן קֶבֶר הַתַּנָא רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַנְדְלָר, מִיר זֶענֶען נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעוִויזְן פַאר דִי בָּחוּרִים דִי מְעָרָה נֶעבְּן דֶעם צִיוּן, דָארְט וואוּ עֶר הָאט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי לֶעדֶער צוּ מַאכְן שִׁיךְ, 'סַנְדְלָר' - דָאס אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַרְבֶּעט מִיט שִׁיךְ.

אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן דֶעם בַּארְג קֶעגְן אִיבֶּער, וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ קֶבֶר שַׁמַאי הַזָקֵן, מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט וָואס רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יט), וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ קֶבֶר שַׁמַאי, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן טְרוֹיעֶרִיג, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט עֶר וֵוייסְט פַארְוָואס דָאס אִיז גֶעשֶׁען, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְוָואס דָאס אִיז גֶעשֶׁען. מִיר זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, דָארְט אִיז דָא וֶוענְט פוּן שְׁטֵיינֶער, מֶען זָאגְט אַז דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְטֶע בֵּית הַכְּנֶסֶת, מִיר הָאבְּן דָארְט גֶעשְׁמוּעֶסְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

## סֵדֶר הַנְסִיעָה קַיין מִירוֹן, לַ"ג בָּעוֹמֶר תשפ"ב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי (בַּמִּדְבָּר בא"י), כ"ד אִיָר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער אַהֲרֹן וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

חַסְדֵי הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דִי יָאר נָאכְאַמָאל בַּיי דִי הִלוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אִין מִירוֹן.

מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן מָאנְטָאג נַאכְט, אִיךְ מַיין וַוייבּ מִיט מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר. מַיין זוּן הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען שִׁמְעוֹן נָאךְ הַתַּנָא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי. מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַ נָאמֶען גֶעבְּן "שִׁמְעוֹן", מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין דִי זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן

בַּר יוֹחַאי אוֹיף אִים, עֶר זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין דֶער מוֹהֵל בַּיי זַיין בְּרִית, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶער וְוינֶער רָב שְׁלִיטָ"א פַאר מוֹהֵל.

אִיךְ הָאבּ מִיט גֶענוּמֶען מַיין זוּן שִׁמְעוֹן לְכָבוֹד זַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס, אִיךְ טוּ דָאס מִיט אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ ווִיל זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען שַׁ"ס אוּן דָאס מְסַיֵּים זַיין פַאר דִי בַּר מִצְוָה - זָאג אִיךְ זֵיי צוּ אַ נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אַבְרָהָם הַנַּ"ל הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ קַאר מִיט אַ גוּטֶע דְרַייוֶוער, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג, אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אוּנְז אָנְקוּמֶען אִין מִירוֹן בְּשָׁלוֹם". דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען אַ בֶּהָלָה, מֶען הָאט דֶערשְׁרָאקֶן פוּן פָארְאוֹיס אַז מֶען גֵייט פַארְשְׁפַּארְן מִירוֹן, מֶען קֶען נָאר אַרַיינְקוּמֶען אִין מִירוֹן מִיט בַּאשְׁטֶעלְטֶע טִיקֶעטְס פוּן פָארְאוֹיס. וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער הָאבְּן מִיר גֶעזֶען פָּאלִיצֵיי שְׁטֵייעֶן בַּיי דִי וֶועגְן, מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, תְּפִלָּה עֶפְּנְט דָאךְ אַלֶע טוֹיעֶרְן.

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִין מִירוֹן, מֶען הָאט אוּנְז אָבֶּער נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייְדְט אַהִין אוּן צוּרִיק, צוּרִיק אוּן אַהִין. אַבְרָהָם הָאט אוּנְז דָארְט אָפְּגֶעוַוארְט, אִין גֶעז סְטֶעיְשְׁן, אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג, בַּיים אַרַיינְגַאנְג.

אִין גֶעז סְטֶעיְשְׁן זָאגְט מִיר דֶער דְרַייוֶוער שְׁטְרֶענְג: "פַארְמַאךְ דַיין פֶענְסְטֶער!" אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס גֵייט פָאר?" זָאגְט עֶר נָאכְאַמָאל: "פַארְמַאךְ!" אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן פָארְן שְׁנֶעל. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַבִּיסֶל דֶערשְׁרָאקֶן, אִיךְ זֶע דֶער דְרַייוֶוער אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן, אִיךְ כַאפּ נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, עֶר גֶעבְּט אַ שְׁטֶעל אָפּ דִי קַאר אוּן שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס, עֶר לוֹיפְט אַרִיבֶּער דִי גַאס צוּ אַ קַאר רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, עֶר קוּמְט צוּרִיק, אוּן אַבְרָהָם זָאגְט אִים מֶען קֶען נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּפָארְן אִין מִירוֹן. מִיר קוּמֶען אָן דָארְט, אַבְרָהָם שְׁטֵייט דָארְט מִיט אֵיינֶעם, יֶענֶער וַוייזְט מֶען זָאל אַרַיינְלָאזְן. הוֹדוּ לַה' כִּי טוֹב, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיינֶע דִירָה, אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַלֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן. קֶענְסְט דָאךְ אַבְרָהָם, וֶוען עֶר מַאכְט עֶפֶּעס - אִיז דָאס מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ. מִיר הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעפַּאקְט, דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן שָׁלוֹם.

נָאכְדֶעם דֶערְצֵיילְט מִיר אַבְרָהָם וָואס הָאט פַּאסִירְט. דֶער דְרֵייוֶוער הָאט בַּאמֶערְקְט אִין גֶעז סְטֶעיְשָׁן ... דֶערִיבֶּער הָאט עֶר מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ פַּארְמַאכְן דִי פֶּענְסְטֶער כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זֶען אַז אִיךְ בִּין אִין קַאר. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר מִיךְ יָא גֶעזֶען, אוּן וִוי נָאר דֶער דְרֵייוֶוער פָּארְט אַוֶועק זֶעט עֶר וִוי ... פָּארְט אִים נָאךְ, עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ אַהֶער - פָּארְט עֶר אַהֶער, עֶר דְרֵייְדְט זִיךְ אַהִין - פָּארְט עֶר אַהִין, עֶר פָּארְט שְׁנֶעל - פָּארְט עֶר שְׁנֶעל, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען רֶעדְן מִיט אִים, זָאגְט עֶר: "אִיךְ וִויל יֶעצְט עֶרְלֶעדִיגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל אִים יֶעצְט שְׁלָאגְן צוּם טוֹיט" ה׳ יִשְׁמְרֵינוּ, הָאט אִים דֶער דְרֵייוֶוער גֶעזָאגְט: "טְרָאג זִיךְ אָפּ פוּן דָא, אִיךְ וָוארְן דִיךְ!" עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַוֶועקְגֶעפָארְן, שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אוּן מִיךְ שִׁיעוּר דֶערְ׳הַרְגְ׳עט; אִיךְ וֶועל דָאס שְׁרַייבְּן שְׁפֶּעטֶער אִינֶעם בְּרִיוו, אִיךְ וִויל זִיךְ הַאלְטְן אִין אַ סֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב בַּיי מַיין טַאטֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קַארְלְסְבּוּרְג. שְׁלָאפְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט, אִין מִירוֹן אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ – מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעבְּלִיבְּן בַּיינַאכְט אִין דִי דִירָה, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים.

מִיטְוָואךְ אִינְדֶערְפְרִי פִיר אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס בִּין אִיךְ זִיךְ גֶעגַאנְגֶען טוֹבֵלְ׳ן בַּיי מַיין טַאטֶע׳ס מִקְוֶה. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א וָתִיקִין. מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אִין מִירוֹן דַאוֶוענֶען וָתִיקִין; אַזוֹי פִירְט זִיךְ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א, עֶר דַאוֶוענְט וָתִיקִין. גֶעוֶוענְלִיךְ דַאוֶוענְט עֶר אִין דִי מַעֲרָה, אָבֶּער עֶרֶב לַ״ג בָּעֹמֶר, לַ״ג בָּעֹמֶר אוּן אַ טָאג נָאךְ לַ״ג בָּעֹמֶר - דַאוֶוענְט עֶר אִין זַיין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל, אוּנְטְן פוּנֶעם בַּארְג. בִּפְרַט הַיי יָאר, נָאכְדֶעם וָואס דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם הָאבְּן גֶעוָוארְנְט אוּן גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים - הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אוּנְטְן.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף צוּם מַעֲרָה מִיט מַיינֶע זִין שִׁמְעוֹן אוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן מִיט זַיין ווַייבּ, עֶר אִיז גֶעפָארְן אַ טָאג פְרִיעֶר. דִי גַאנְצֶע וֶועג אַרוֹיף צוּם מַעֲרָה אִיז גֶעוֶוען רוּאִיג.

אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין דִי מַעֲרָה אִיז מִיר גוּט גֶעוָוארְן, דִי גַאנְצֶע מַעֲרָה אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט פָּאלִיצֵיי, עֶס אִיז לֵיידִיג, מֶען לָאזְט נִישְׁט קֵיינֶעם בְּלַייבְּן שְׁטֵיין, מֶען קֶען נָאר גֵיין. בְּלִית בְּרֵירָה בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער דִי מַעֲרָה. פוּן אֵיין זַייט הָאט עֶס מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלֵיינֶע צִיפּ אִין הַארְץ: ׳הֲיִתָּכֵן, וָואס אִיז דִי חוּצְפָּה וְכוּ׳׳; אִיךְ הָאבּ

אָבֶער שְׁנֶעל גֶעדְרֵייְדְט דִי מַחְשָׁבוֹת אוֹיף פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעפְרֵייְדְט, גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

אַרוֹיסְקוּמֶענְדִיג פוּן אוּנְטֶער דִי מַעֲרָה, דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען הוּנְדֶערְטֶער אִידְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִלִּים, אַ טֵייל הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט דִי פָּאלִיצֵיי, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע זוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ שָׁאטְן, אוּנְטֶערְן שָׁאטְן אִיז גֶעוֶוען פֵּיין. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִי סַדְרָנִים? וָואס גֵייט מִיךְ אָן וָואס זֵיי טוּעֶן?' אִין אַנְדֶערֶע זְמַנִּים וֶוען מֶען הָאט יָא גֶעקֶענְט זַיין אִין דִי מַעֲרָה – וָואלְט אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ גֶעזוּכְט אַ רוּאִיגֶע ווִינְקֶעלֶע וואו צוּ זָאגְן תְּהִלִּים.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן תְּהִלִּים מִיט אַ שִׂמְחָה, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט דִי הַארְץ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקֶענְט גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין מִירוֹן, בִּפְרַט לַ"ג בָּעֹמֶר אוּן עֶרֶב לַ"ג בָּעֹמֶר. בִּשְׁעַת'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז הֵייס, אַז אִיךְ שְׁוִויץ, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן אוּן נִישְׁט גֶעגֶעסְן; אַזוֹי אִיז עֶס, וֶוען מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַארְגֶעסְט מֶען פוּן אַלֶעס, מֶען וויל גָארְנִישְׁט, נָאר אַבִּיסְל דְּבֵיקוּת בַּה', נָאר אַבִּיסְל קִרְבַת אֱלֹקִים.

אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן מַזְכִּיר גֶעוֶוען אַלֶע קְוִויטְלֶעךְ, בַּקָּשׁוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ אוּן אַ גַאנְצֶע צַייט זַייעֶנְדִיג אִין מִירוֹן, זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען מֶענְטְשְׁן, זְקֵנִים וּנְעָרִים, חֲסִידִי'שֶׁע, אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע אוּן סְפַרְדִי'שֶׁע, פוּן אַלֶע סָארְט, פוּן אַלֶע קְרֵייזְן - זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

אַ בָּחוּר בְּרֶענְגְט מִיר אַ מַתָּנָה, אַ פַארְמַאכְטֶע דִיקֶע עֶנְוֶועלָאפּ; אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דִי סָארְט מַתָּנוֹת, אִיךְ וֵויס וָואס לִיגְט אִינֶעוֵויינִיג נָאךְ פַארְ'ן עֶפֶענֶען - אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע סְמַארְטְפָאוֹן, מִיט אַ בְּרִיוֹול וָואס שְׁטֵייט: "בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים פוּן קַו בְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן בְּרִיוו - הָאבּ אִיךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי טֶעלֶעפָאן".

הוּנְדֶערְטֶער הָאבְּן שׁוֹין אַוֶועק גֶעוָוארְפְן זֵייעֶרֶע מָאוּיס וְכַדוֹמֶה פוּן הֶערְן חִיזּוּק אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ (שָׁם, סִימָן רצד): "אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם", אִיךְ בִּין אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ זִיסֶע וֶועג, דִי מוּסָר פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ זִיסֶע מוּסָר.

די אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אויף בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן אַ נִישְׁט גוּטֶע טֶעלֶעפָאן: "שֵׁגֶץ!" "שִׁיקְסֶע!" "גֵיהִנוֹם!" "רְשָׁעִים!" - דָאס מַאכְט גָארְנִישְׁט אוֹיס, עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, עֶס אִיז מַבְאִישׁ רֵיחַ, אוֹיף דֶעם זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי עֲקִיבָא (עֲרָכִין טז:): "תָּמֵהַּ אֲנִי, אִם יֵשׁ בַּדּוֹר הַזֶּה מִי שֶׁיָּכוֹל לְהוֹכִיחַ", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיבּ אִיז דָא אִין אוּנְזֶער דוֹר אֵיינֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר, וַוייל אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ זָאגְן מוּסָר (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "לֹא דַּי שֶׁאֵינוֹ מוֹעִיל בְּתוֹכַחְתּוֹ", נִישְׁט נָאר עֶר טוּט נִישְׁט אוֹיף מִיט דִי מוּסָר, "אַף גַּם הוּא מַבְאִישׁ רֵיחַ שֶׁל הַנְּשָׁמוֹת הַשּׁוֹמְעִים תּוֹכַחְתּוֹ", עֶר מַאכְט נָאךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; עֶס הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס מֶען קֶען קוּקְן עֲבֵירוֹת - דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט מוּסָר אוֹיף דִי וֶועג: "שֵׁגֶץ!" "שִׁיקְסֶע!" "גֵיהִנוֹם!" "רְשָׁעִים!" אָבֶּער דִי תּוֹכָחָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - גֶעבְּט אַ גוּטֶע גֶערוּךְ, נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן, זַייט דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט הָאבְּן שׁוֹין טוֹיזְנְטֶער און צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן דוּרְךְ דִי מוּסָר פוּן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר גֶעבְּט אַרַיין אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַ רֵיחַ טוֹב, וֶוען מֶען הֶערְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף דִיר", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר" - דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ, דָאס פּוֹעֵלְ'ט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צוּרִיקְקוּמֶען.

לְכַתְּחִלָּה הָאט גֶעהֵייסְן עֶס וֶועט זַיין אַן הַדְלָקָה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א לֵיל לַ"ג בָּעֹמֶר, לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט, דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנּוֹם הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט מַאכְן הַדְלָקוֹת, הָאט מֶען דָאס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט, דָאס הֵייסְט לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג, פוּן זֶעקְס אַזֵייגֶער בִּיז אִין דִי נַאכְט אַרַיין; אֲפִילוּ דִי פָּאלִיצֵיי וֶועלְן קוּמֶען וֶועט מֶען הֶעכְסְטְנְס דֶעמָאלְט עֶנְדִיגְן. אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, מֶען הָאט גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב און גֶעצֵיילְט סְפִירָה. נָאכְן דַאוֶונֶען הָאט מֶען גֶעצִינְדְן לֶעכְט לְכָבוֹד הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי און גֶעטַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ סְעוּדָה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט; אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט יֶעצְט פוּן דִי נְסִיעָה, גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ.

מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט אַרוֹיפְצוּגֵיין צוּם מַעֲרָה טַאנְצְן לְכָבוֹד דִי הִלּוּלָא פוּן

רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טִיקֶעט, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל מִיךְ אַרִיבֶּערְלָאזְן אָן קַיין טִיקֶעט, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעווּיסְט צִי מֶען קֶען בִּכְלַל גֵיין, יֶעדֶע מִינוּט אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע נַייֶעס, מֶען לָאזְט יָא, מֶען לָאזְט נִישְׁט; מִיר הָאט זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט אַרוֹיפְצוּגֵיין.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף מִיט מַיין זוּן שִׁמְעוֹן; אַזוֹי וִוי אִיךְ הוֹיבּ אָן גֵיין זֶע אִיךְ שׁוֹין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט - גֵייעֶן מִיר נָאךְ, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין טִיקֶעט, דִי גַאנְצֶע וֶועג אִיז גֶעוֶוען מִיט פָּאלִיצֵיי, יֶעדֶע פָּאר טְרִיט הָאט מֶען אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אוֹיפְ׳ן וֶועג אוּן אִין דִי מַעֲרָה הָאבּ אִיךְ מְסַיֵּים גֶעוֶוען תִּקּוּנֵי זוֹהַר. מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן, מֶען הָאט גֶעטְרִיבְּן.

אִינְדְרוֹיסְן, אוּנְטֶערְן בִּנְיָן, הָאבּ אִיךְ גֶעזוּכְט וואו צו טַאנְצְן, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן פַאר צְוֵויי שָׁעָה.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַזֶעלְכֶע טֶענְץ, אַזַא שִׂמְחָה, אַזַא קְדוּשָּׁה - הָאבּ אִיךְ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט. דִי אַחְדוּת; אַלֶע אִידְן טַאנְצְן לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אַלֶע אִידְן פְרֵייעֶן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם, מֶען אִיז פוּל מִיט הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה. אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ שְׁפִּיר נָאכְאַלְץ אִין מַיין הַארְץ, אִיךְ וֶועל סֵיי וִוי נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען וָואס אִיךְ שְׁפִּיר, וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן פוּן שְׁרַייבְּן.

אַ גַאנְצְן טַאנְצְן הָאבּ אִיךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן פַארְ׳ן מִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ מְ׳קוֹר חָ׳כְמָה, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶע אִידְן.

לַ״ג בָּעֹמֶר בַּיינַאכְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶונְט וָתִיקִין בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א. נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זוֹהַר מִיט הָאַבְרֵךְ יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער, אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר מִיט אִים יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִין סֵפֶר הַזּוֹהַר, מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר, אוֹיסֶער אֵיין פַּרְשָׁה, פַּרְשַׁת פִּנְחָס, עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע פַּרְשָׁה. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט זוֹהַר פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, בְּעֶרֶךְ זֶעקְס שָׁעָה, נָאךְ עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעזֶעצְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר.

הָאַבְרֵךְ בֶּערְל לֶעווִי איז אָנְגֶעקוּמֶען אין מִירוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וואו אַיינְצוּשְׁטֵיין, עֶר איז גֶעקוּמֶען עַל דַּעַת צוּ שְׁלָאפְן אוֹיף אַ בֶּענְקְל אין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט, גֶעוֶוענְלִיךְ אַמֶעריקַאנֶער מֶענְטְשְׁן זָארְגְן קוֹדֶם פַּאר דִי בֶּעט וְכוּ׳, דָא זֶע אִיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן קוּמְט פוּן אַמֶעריקֶע צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אָן גָארְנִישְׁט, נָאר צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. אִיךְ הָאבּ אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אין מַיין דִירָה, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעטֵיילְט, עֶר מִיט יוֹסִי הָאבְּן גֶעהַאט אֵיין בֶּעט; וֶוען עֶר איז גֶעשְׁלָאפְן איז עֶר גֶעוֶוען אין דִי מְעָרָה, אוּן אַזוֹי פַּארְקֶערְט.

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִשְׁפָּחוֹת מֵאכְן חַאלַאקֶע; הָאַבְרֵךְ בָּרוּךְ נוּסְבּוֹים, אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב אַבְרָהָם שׁוֹשַׁן פוּן בְּנֵי בְּרַק.

נָאכְמִיטָאג איז גֶעוֶוען דִי הַדְלָקָה בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אין חָצֵר מִיט פֵייעֶרְדִיגֶע טֶענְץ, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי מִיט אַ הֶעכֶערֶע שִׂמְחָה.

פַאר׳ן אָנְצִינְדְן דִי הַדְלָקָה איז דֶער מִנְהָג אַז אַלֶע גִיסְן אוֹיל לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, מֶען לֵייגְט וַואטֶע מִיט אוֹיל, מֶען זִינְגְט נִגּוּנֵי דְבֵיקוּת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען.

עֶס איז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען קֶען מַאכְן אַ כֵּלִי פוּן דִי דֶערְהוֹיבֶּענֶע צַייטְן, מֶען קֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. קֶענְסְט זֶען יֶעדֶע מָאל בַּיי אַ חוּפָּה וֶוען מֶען זִינְגְט נִגּוּנֵי הִתְעוֹרְרוּת, אוֹיבּ איז דֶער חָתָן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי׳ן, וֶועסְטוּ קוּקְן אוֹיף זַיינֶע לִיפְּן ווִי עֶר נוּצְט אוֹיס דִי מִינוּטְן פַּאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַז נִישְׁט, שְׁטֵייט מֶען מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל, אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דִי דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט.

קֶענְסְט פְּרֶעגְן דִי אִינְגֶעלַייט יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער אוּן בֶּערְל לֶעווִי, זֵיי וֶועלְן דִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל וָואס דָארְט הָאט זִיךְ גֶעטוּן.

פְרַייטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט וָתִיקִין, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן ר׳ יוֹנָה אוּנְזֶער דַיָין, נָאכְן דַאוֶוענֶען איז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז אין דִי דִירָה, מִיר הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט אִינְאֵיינֶעם זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מַאכְן דִי סִיּוּם לַ״ג בָּעֹמֶר, אָבֶּער נָאכְן לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל שָׁעָה הָאט מִיר דִי קָאפּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁווִינְדְלֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדַארְפְט אָפְּשְׁטֶעלְן; מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם אַפָּאר בְּלַאט זוֹהַר אוּן גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם, מַיין וַוייבּ הָאט אָנְגֶעגְרֵייט אַבִּיסְל יְרָקוֹת מִיט בְּרוֹיט, עֶס איז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם.

שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּ מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי לִיגְן

הֶעכֶער דִי צִיּוּן פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַעֲרָה.

אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ פְּרַט וָואס הָאט פַּאסִירְט לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג אִין דִי מַעֲרָה, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט קֶעגְן דִי פָּאלִיצֵיי, מֶען הָאט זֵיי מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען אוּן זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן. מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אַלֶע אַייזֶענֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אִין דִי מַעֲרָה נִישְׁט צוּ לָאזְן מֶענְטְשְׁן קוּמֶען, פוּן נָאכְמִיטָאג אִיז אַלֶעס צוּרִיק גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן אַרוֹיפְגֵיין לַ"ג בָּעֹמֶר נָאכְמִיטָאג צוּ דִי מַעֲרָה, וַוייל אַ גַאנְצֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּעוֹת אַז עֶס אִיז דָא מְהוּמוֹת וְכוּ'. פְרַייטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי מַעֲרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מִיט דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי (לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז).

שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מִירוֹן, אִיךְ הָאבּ אַלֶעס מִיטְגֶעהַאלְטְן מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א; דִי תְּפִילּוֹת אוּן דִי סְעוּדוֹת. מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אוּנְטְן אִין קַארְלְסְבּוּרג, קַבָּלַת שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַרוֹיף דַאוֶוענֶען אִין דִי מַעֲרָה, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן "לֹא תֵבוֹשִׁי", אוֹיךְ "בַּר יוֹחָאִי"; אַ גַאנְץ יָאר אִיז דֶער מִנְהָג אִין מִירוֹן צוּ טַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי" נָאךְ קַדִּישׁ יָתוֹם, פַאר כְּגַוְנָא. (אַגַב, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִינְגֶען יֶעדֶע שַׁבָּת בַּיי דִי בָּאטֶע "בַּר יוֹחָאִי").

שַׁבָּת אִין מִירוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיזְנְטֶער מִשְׁפָּחוֹת, עֶס הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ יוֹם טוֹב'דִיגֶער שַׁבָּת. לֵיל שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אוֹיךְ דֶער דַיָּין ר' יוֹנָה אוּן יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער נֵרוֹ יָאִיר מִיט נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מַיין טַאטֶע הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען ר' יוֹנָה מִיט'ן זִינְגֶען "אֵשֶׁת חַיִל"; עֶר הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "בְּרֶסְלֶב'עֶר דַיָּין אֵשֶׁת חַיִל", עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִינְגֶען דֶעם "בְּרֶסְלֶב'עֶר אֵשֶׁת חַיִל".

בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה (פְּסָחִים קיב.) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי עֲקִיבָא זָאל אִים לֶערְנֶען תּוֹרָה, רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעזָאגְט: "רַבִּי, לַמְּדֵנִי תּוֹרָה, וְאִם לָאו, אֲנִי אוֹמֵר לְיוֹחָאִי אַבָּא וּמוֹסֶרְךָ לַמַּלְכוּת", אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר מַיין טַאטֶע יוֹחָאִי אוּן מֶען וֶועט דִיר אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט נָאכְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ס) וָואס אִיז פְּשַׁט, אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ אַ רֶבִּי? מֶען סְטְרַאשֶׁעט אִים אַז מֶען גֵייט אִים אִיבֶּערְגֶעבְן פַאר דִי רֶעגִירוּנְג?! נָאךְ

אִיז שְׁוֶוער, רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אִין תְּפִיסָה, וָואס זָאגְט עֶר אִים: "אִיךְ וֶועל דִיךְ פַּארְ'מַסֶרְ'ן אוּן לֵייגְן אִין תְּפִיסָה?" זָאגְט דֶער רֶבִּי, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים שֶׁאֵינָם מְהֻגָּנִים וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט מַאכְן אַ בָּאטֶע, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁפֶּעט, מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי סְעוּדָה צְוֵויי אַזֵייגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ. אַבְרָהָם אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען נָאךְ דִי סְעוּדָה צוּ מִיר מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה פַאר אַפָּאר מִינוּט, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין.

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ זָאגְן דִּבְרֵי תּוֹרָה בַּיי דִי סְעוּדָה פוּן צוּפְרִי, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לוֹיבְּט אוֹיס דָאס טֵייעֶרְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס מִיר טוּעֶן. מִיר גֶעפוּנֶען (שַׁבָּת לג:), וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲרָה אוּן גֶעזֶען אַ אִיד גֵייט מִיט הֲדַסִּים לְכָבוֹד שַׁבָּת, אֵיינְס פַאר זָכוֹר אוּן נָאךְ אֵיינְס פַאר שָׁמוֹר - הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, אוּנְז צוּ וַוייזְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ, אָדֶער גוּטֶע מִנְהָג וָואס אַ אִיד טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל. הַיינְט צוּ טָאגְס וֶוייסְן מִיר דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן דִי זַאךְ, אֵיידֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט דָאס מְגַלֶּה גֶעוֶוען וָואלְט מֶען גֶעלַאכְט פוּן אַזָא מֶענְטְשׁ, מֶען וָואלְט אִים גֶעזָאגְט: "הַיינְט אִיז נִישְׁט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, וָואס אִיז דָאס שַׁבָּת מִיט הֲדַסִּים?!" רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעקוּקְט, עֶר זֶעט אַ אִיד טוּט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר שַׁבָּת, זָאגְט עֶר: "חֲזֵי כַּמָּה חֲבִיבִין מִצְוֹת עַל יִשְׂרָאֵל", קוּק וְוִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער לִיבְּן דִי מִצְוֹת.

אִינְטֶערֶעסַאנְט, דֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט (שָׁם חִדּוּשֵׁי אַגָּדוֹת, דִּיבּוּר הַמַּתְחִיל חַד כְּנֶגֶד זָכוֹר): "וּכְמוֹ שֶׁבַּנֵּרוֹת זוֹכִין לְבָנִים חֲכָמִים", אַזוֹי וְוִי שַׁבָּת לִיכְט אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, "הָכִי נַמִּי הֲדַסִּים", אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס שְׁמֶעקְט הֲדַסִּים שַׁבָּת וֶועט הָאבְּן "בָּנִים צַדִּיקִים, שֶׁנִּקְרְאוּ הֲדַסִּים", עַיֵּין שָׁם; דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן נט): "עַל יְדֵי הֲדַסִּים בְּשַׁבָּת זוֹכֶה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים".

אויף הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹיף דֶעם מַאֲמָר חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לה.): "הַרְבֵּה עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי וְלֹא עָלְתָה בְּיָדָן", אַסַאךְ הָאבְּן פְּרוּבִּירְט נָאכְצוּמַאכְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, פַארְוָואס טַאקֶע נִישְׁט? ווייל "'הַרְבֵּה' עָשׂוּ כְּרַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי", אַסַאךְ טוּן, אַסַאךְ נָאכְמַאכְן אִיז שְׁוֶוער, אָבֶּער אַז מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן קְלֵיינִיקַייטְן, זַאכְן וָואס מֶען קֶען - דֶעמָאלְט אִיז מֶען יָא מַצְלִיחַ.

דִי וֶוערְטֶער אִיז אַ מִצְוָה צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער זוֹהַר; יֶעדֶע בְּלַאט, אוּן פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל - זָאגְט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "וואוויל אִיז פַאר אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ", דָאס אִיז סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, עֶס אִיז בַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז; מֶען דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, מֶען חַזֶר'ט זִיךְ לִיגְנְט, מֶען קְלַאפְּט זִיךְ; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען הֶערְט תּוֹרוֹת פוּן שֵׁדִין יְהוּדָאִין (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כח) וָואס קְלַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט לִיגְנְט, אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר', 'עֶר דַארְף נִישְׁט מַיינֶע מִצְוֹת', 'עֶר דַארְף נִישְׁט מַיין דַאוֶוענֶען' וְכוּ'; דָאס דַארְף מֶען זָאגְן פַאר אַנְדֶערֶע, דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

מִיר זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן פַארְטָאגְס, אִיךְ הָאבּ בַּאגֶעגְנְט מַיין טַאטֶע אַרוֹיפְגֵיין מִיט טַלִית וּתְפִילִין צוּ דִי מַעֲרָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת לְבִגְדֵי חוֹל, אוּן אַרוֹיף דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית כְּוָתִיקִין.

נָאךְ שַׁחֲרִית הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן (לִקּוּטֵי תְּפִילוֹת חֵלֶק ב', סִימָן מז), אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה, ווי מֶען בֶּעט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי עֶר זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שִׁכְחַת הַתּוֹרָה.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעדֶע פָּאר מִינוּט, וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן בַּיי יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען; אִיבֶּעראַל קוּמֶען זִיךְ מֶענְטְשְׁן בַּאדַאנְקֶען פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן, זַייט זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת אוּן לֵיינֶען דִי בְּרִיווֹן הָאט זִיךְ אַלֶעס בַּיי זֵיי גֶעטוּישְׁט.

### סוֹף חוֹדֶשׁ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג

מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין טְבֶרְיָ׳ צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין אֵיידֶער אִיךְ מַאךְ זִיךְ רֵיין דִי שִׁיךְ, אִין יַבְנְאֵל אִיז מִיר גֶעוָוארְן פַּארְשְׁמִירְט דִי שִׁיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע אִין יַבְנְאֵל, אוּנְטְן פוּן דִי טְרֶעפּ וואוּ מֶען גֵייט אַרוֹיף צוּם צִיוּן. מִיר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אָפְּגֶערֵיינִיגְט דִי שִׁיךְ, וַוייל אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק - גֵייט מֶען מִיט דִי גְרֶעסְטֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַכְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַיינֶע תְּפִלּוֹת, אוּן פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן.

צוּם עֶרְשְׁט בִּין אִיךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע אוֹיבְן אוֹיפְ׳ן בַּארְג, הֶעכֶערְן קֶבֶר פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר. עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שִׁירֶעם זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן דִי רֶעגְן. הֶעכֶער דִי צִיוּן פוּן מַיין זֵיידֶע אִיז דָא אַ דֶעכְל זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן פוּן רֶעגְן, מִיר הָאבְּן דָארְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען.

פוּן דָארְט זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַעֲרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דָארְט צוּ קֶענֶען שְׁרַייבְּן וַוייטֶער דֶעם פֵּירוּשׁ חָזִית אִישׁ, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל תִּיקוּנִים, אִיךְ הָאבּ לְכַתְּחִילָה גֶעוָואלְט מְסַיֵּים זַיין אִין דִי מַעֲרָה תִּיקוּנֵי זוֹהַר.

### דִי בַּאזוּךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ״ג בָּעוֹמֶר תשפ״ג

...מִיר זֶענֶען פוּן דָארְט גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן; אִיךְ, מַיין וַוייבּ מִיט מַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער. מַיין זוּן שִׁמְעוֹן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֵייסְט נָאךְ דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן. וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אִים גֶעבְּן ׳שִׁמְעוֹן׳, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, הָאט עֶר מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען שִׁמְעוֹן, עֶס זָאל זַיין אַ זְכוּת פַּאר אִים. אוּן מַיין זוּן דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר נַחְמָן נָתָן. אוֹיךְ מַיין זוּן הָרַב שְׁלֹמֹה מִיט זַיין וַוייבּ זֶענֶען מִיט גֶעקוּמֶען מִיט זֵייעֶר זוּן נַחְמָן נָתָן; בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה רוּפְט מֶען אִים ׳נַחְמָן נָתָן שְׁטֶעטְל׳ מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט פַארְמִישְׁן מִיט אוּנְזֶער נַחְמָן נָתָן. זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מַאכְן אַן אָפְּשֶׁערְן פַאר זֵייעֶר קִינְד נַחְמָן נָתָן אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

מִירוֹן וֶוערט פַארמַאכט אַפָּאר טֶעג פַאר לַ״ג בָּעֹמֶר, וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט אוּנְזֶער פְּרָאטֶעקְצְיֶע, תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מִיר הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן אוּנְז אַן עֶפֶענוּנְג, אַ וֶועג אַרַיין אִין מִירוֹן״. פְּלוּצְלוּנְג זֶע אִיךְ אַן עֶפֶענוּנְג, אִיךְ זָאג דֶעם דְרֵייוֶוער: ״פָאר דָא אַרַיין״; אִיךְ קֶען זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיס אִין מִירוֹן פוּן אַלְס בָּחוּר, אַזוֹי זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם.

מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אִין מִירוֹן הִינְטְן פוּנֶעם בַּארְג, אַנְטְקֶעגְן מַיין זֵיידֶע׳ס בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַבְרָהָם נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעזָארְגְט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן פוּן דָאס שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע. דָאנֶערְשְׁטָאג אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אוֹיבְן אִין דִי מַעֲרָה, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה צוּ מַיין זֵיידֶע׳ס צִיוּן, מַיין זֵיידֶע לִיגְט אוֹיפְן בַּארְג, הֶעכֶער דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר; אִיךְ פְלֶעג אַלֶע יָארְן גֵיין מִיט אִים מִתְפַּלֵל זַיין דָארְט בַּיי זַיין חֶלְקָה, עֶר פְלֶעגְט גֵיין עֶרֶב שַׁבָּת מִתְפַּלֵל זַיין, זָאגְן קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - בַּיי זַיין חֶלְקָה וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט. עֶר פְלֶעגְט מִיר זָאגְן, עֶר הָאט הַנָאָה אַז עֶר וֶועט קֶענֶען לִיגְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע מָקוֹם, סָמוּךְ וְנִרְאֶה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים רֶבִּי יוֹחָנָן הַסַּנְדְּלָר אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ מִירוֹן

מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א, אוּן צוּ קַבָּלַת שַׁבָּת זֶענֶען מִיר אַלֶע אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה, מֶען הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעטַאנְצְן ״בַּר יוֹחָאִי״, ״אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא״ - צְוִוישְׁן קַדִּישׁ אוּן כְּגַוְנָא.

נָאכְן דַאוֶוענֶען גֵייט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א בַּיים מַרְפֶּסֶת כֹּהֲנִים בִּיזְן סוֹף, פוּן דָארְט קֶען מֶען זֶען מַיין זֵיידֶע׳ס צִיוּן אוּן עֶר זָאגְט דָארְט: ״גוּט שַׁבָּת!״ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִיז אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם אַן אוֹיסְנַאם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעזֶען נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין אַזוֹי אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם אַזוֹי וִוי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע.

אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ פוּן דַאוֶוענֶען, אִין דִי מַעֲרָה, אִיז גֶעוֶוען שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א מִיט אוּנְזֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א. מֶען הָאט גֶערֶעדְט פַארְשִׁידֶענֶע הֲלָכוֹת, אֵיינֶע פוּן דִי שְׁאֵלוֹת פוּנֶעם בַּר מִצְוָה בָּחוּר, הֱיוֹת עֶר הָאט שׁוֹין מַעֲבִיר

סֶדְרָה גֶעוֶוען פוּן זוּנְטָאג, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין הֲלָכָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", ווייל עֶר ווייסְן אוֹיבּ עֶר דַארְף אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל די פַּרְשָׁה יֶעצְט פְרֵייטָאג וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גָּדוֹל; מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז נֵיין, עֶר דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל די פַּרְשָׁה.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיים לֵיינֶען, וֶוען דֶער בַּר מִצְוָה בָּחוּר הָאט עוֹלֶה גֶעוֶוען - הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט די בְּרָכָה: "בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי". מַיין זֵיידֶע פַּסְקְ'נְט מֶען זָאל זָאגְן די בְּרָכָה אוֹיף דֶעם נוּסַח: "בָּרוּךְ אַתָּה מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁפְּטָרַנִי מֵעוֹנְשׁוֹ שֶׁלָּזֶה", נִישְׁט בְּלוֹיז: "בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי".

עֶס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעגֶעסְן מִיט אוּנְז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט עֶסְן פַּאר וועֶר עֶס ווִיל, די הַכְנָסַת אוֹרְחִים אִיז עֶפֶּעס אוֹיסֶערְגֶעוֶועהְנְלִיךְ, וֶוער עֶס ווִיל קוּמְט דָארְט עֶסְן.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט בַּיי די צוּפְרִי סְעוּדָה, עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן די שְׁפְּרַאךְ פוּן די עֵרֶב רַב.

מֶענְטְשׁ זָאגְן מִיר, זֵיי בַּאוואוּנְדֶערְן ווי אִיךְ זִיץ לַאנְגֶע שָׁעוֹת בַּיי די סְעוּדוֹת אָן גָארְנִישְׁט טוּן; וָואס וֵוייסְן זֵיי וָואס אִיךְ טוּ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ די מַתָּנָה פוּן רֶבִּי'ן, פוּן קֶענֶען זִיצְן צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַאכְן מִיט די לִיפְּן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אֲפִילוּ זֶען. מִיט די מַתָּנָה קֶען מֶען זַיין וואוּ מֶען זָאל נָאר זַיין, מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ', מֶען זִיצְט אִין גַן עֵדֶן, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוֹצָאֵי שַׁבָּת**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת נָאךְ הַבְדָּלָה בִּין אִיךְ אַרֵיין אִין קָאךְ בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִין חָצֵר מִיט אַפָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אָנְגְרֵייטְן די עֶסְן פַּאר די חֲתוּנָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מִיר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אַפָּאר שָׁעָה אוּן אַלֶעס אָנְגֶעגְרֵייט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵיידְט צוּ קֶענֶען שֵׁיילְן גְרִינְצֵייג פַאר די זוּפּ, אוּן אָנְגְרֵייטְן אַלֶע עֶסְן וָואס מֶען טֵיילְט אוֹיס בַּיי מַיין טַאטֶע אִין חָצֵר, פַאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ צַייט פוּן וויינֶען אוּן בֶּעטְן; אֱמֶת, מֶען קֶען לַ"ג בָּעֹמֶר פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת, אָבֶּער דֶער עִיקָר פוּן לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז די שִׂמְחָה, די הִלּוּלָא; דָאס עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן טַאנְצְן.

**זוּנְטָאג בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי**

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פְּלַאן צוּ גֵיין גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אִין יַבְנְאֵל, צְפַת, בֵּית שֶׁמֶשׁ, בְּרַאכְפֶעלְד אוּן אֶלְעַד, אִין די שְׁטֶעט וואוּ אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען. לְמַעֲשֶׂה בֶּעט

אִיךְ אַלֶע אִיבֶּער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין פוּן מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א, מַיין שְׁוֶוער אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי מִיר; מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מַיין וַוייבְ׳ס עֶלְטֶערְן אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּבְ׳עֶר וִוי זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

מַיין שְׁוֶוער שְׁלִיטָ״א אִיז אַהֵיימְגֶעפָארְן זוּנְטָאג, עֶר הָאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין טַאטֶע דֶער וִוייצֶענֶער רָב הָרַב יוֹסֵף מֹשֶׁה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב דוּשִׁינְסְקִיא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין לַ״ג בָּעֹמֶר קַיין מִירוֹן. מֶען הָאט פְּרוּבִּירְט אִים מְשַׁכְנֵעַ זַיין אַז הַיינְט אִיז אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער מַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִירְן פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען דַאוְוענֶען אִין דִי מַעֲרָה, בַּיי דִי צְוֵוייטֶע זַייט, בַּיי רֶבִּי אֶלְעָזָר. נָאךְ שַׁחֲרִית בִּין אִיךְ דָארְט גֶעבְּלִיבְּן לֶערְנֶען זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן ע׳ מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים אוּן גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף תִּיקוּנִים. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים, מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא. אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעקוּמֶען בַּאגְלֵייטְן מַיין שְׁוֶוער אַהֵיים.

## לַ״ג בָּעֹמֶר

מָאנְטָאג נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוְוענְט מַעֲרִיב בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א. נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מֶען אָנְגֶעצִינְדְן דִי הַדְלָקָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ. אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיים טַאנְצְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעֹמֶר - וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען שְׁפִּירְט דָארְט, עֶס וֶוערְט זֵייעֶר לִיכְטִיג אִין הַארְץ אוּן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַבִּיסְל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פוּן דִי פָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי שְׁטֵייעֶן אַרוּם מִיר אוּן שְׁטוּפְּן זִיךְ אַרוּם מִיר בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א; מֵילָא בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל, בַּיי אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער אַז אִיךְ גֵיי בַּיי מַיין טַאטֶע - שְׁטֶערְט מִיר אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי יֶענֶעם.

נָאכְדֶעם הָאט מֶען זִיךְ גֶעזֶעגְנְט צוּ אַ סְעוּדָה אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה בִּין אִיךְ אַרוֹיף מִיט מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א צוּ דִי מַעֲרָה. דִי יָאר הָאבְּן דִי סַדְרָנִים מְסַדֵּר גֶעוֶוען מֶען זָאל קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אִין אַ שׁוּרָה, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער בַּיי דִי שׁוּרָה. אַ גַאנְצֶע וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, מִיר קֶענֶען הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט זֵיי.

נאכדעם האב איך געטאנצן אין די חָצֵר. די הַרְגָּשָׁה וואס מען שפירט דארט - קען מען נישט באשרייבן, דאס איז כָּל אֶחָד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִיבֵּיהּ, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט אין די ערשטע שִׂיחָה אין שִׂיחוֹת הָרַ"ן. דָוִד הַמֶּלֶךְ זאגט (תְּהִלִּים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", פרעגט דער רבי, וואס איז דאס 'כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי', איך ווייס? זאג, כִּי גָדוֹל ה', דער אייבערשטער איז גרויס, וואס דרוקט ער 'כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי'? זאגט דער רבי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִילּוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", מען קען נישט מַסְבִּיר זיין פאר א צווייטן ווי אזוי מען שפירט דעם אייבערשטן, און נישט נאר פאר א צווייטן קען מען דאס נישט מַסְבִּיר זיין, נאר אֲפִילּוּ פאר זיך אליינס קען מען אויך נישט דערציילן און געדענקען ווי אזוי מען האט נעכטן געשפירט דעם אייבערשטן. דערפאר זאגט דָוִד הַמֶּלֶךְ: "כִּי 'אֲנִי' יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', איך ווייס אז דער אייבערשטער איז גרויס, 'אֲנִי יָדַעְתִּי דַּיְקָא', איך פאר מיר ווייס אז דער אייבערשטער איז גרויס, ער פירט די וועלט און ער הערט מיך אויס ווען איך רעד צו אים', דער רבי ברענגט דארט אראפ וואס שטייט אין זוהר (פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קג:) אויפן פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כג): "'נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ' - כָּל חַד, לְפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ", יעדער איינער האט זיין וועג ווי אזוי ער שפירט דעם אייבערשטן ביי זיך אין הארץ.

ביי מיר לַ"ג בָּעֹמֶר ווארט איך אויף טאנצן און זינגען; איך פריי זיך, איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיר האבן צדיקים וואס האבן זיך מוסר נֶפֶשׁ געווען פאר אונז מיר זאלן נישט פארלוירן גיין, מיר זאלן אלעס קענען פאררעכטן. אז מיר האבן צדיקים וואס זאגן אונז וואס טוט זיך אין הימל, וואס איז חָשׁוּב אין הימל, וואס איז מיט אונזערע מִצְוֹת וואס מיר טוען, ווי עס ווערט ליכטיג אין אלע וועלטן ווען מיר לערנען און דאווענען.

איך האב געמאכט אביסל הַכְנָסַת אוֹרְחִים ביי מיר, איך האב אריינגענומען אפאר געסט וואס האבן נישט געהאט וואו צו שלאפן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם מיינע קינדער האבן אוועק געגעבן זייערע בעטן, זיי זענען געשלאפן אויף א שטיקל מאטראץ אויף דער ערד פאר אנדערע אידן. מיין טאטע שְׁלִיטָ"א האט מיך אזוי מְחַנֵּךְ געווען, ער האט אריינגענומען יעדע שַׁבָּת געסט, און איך האב געדארפט אוועק

גֶעבְּן מַיין בֶּעט; אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן אוֹיפְן קָאוּטְשׁ. מִיר זֶענֶען אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, מִיט הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

לַ"ג בָּעֹמֶר אִינְדֶערפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִין דִי חָצֵר פוּן מַיין אַכְסַנְיָא – תִּיקוּנִים, אִינְאֵיינֶעם מִיט חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, בֶּערְל פוּן בְּלוּמִינְגְרָאוו, יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף דֶער מְלַמֵּד אִין שְׁטֶעטְל אוּן מְנַחֵם שְׁטֵיינְבֶּערְג, אוֹיךְ אַפָּאר חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן דִי צְוֵוייטֶע הַקְדָמָה, בִּיז תִּיקוּן טו. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּן יד, דָארְט זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בְּפֵירוּשׁ אַז תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶעס, אֲפִילוּ אוֹיף דִי חֲטָאִים וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר נֹחַ אוּן וַיְחִי אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה – שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ אַז (יְשַׁעְיָה ו, י): "וָשָׁב וְרָפָא לוֹ".

## אָפְּשֶׁערְן

אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער צוּ מַיין טַאטֶע אִין דִי דִירָה מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אוּן מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט אַן אָפְּשֶׁערְן, מַיין טַאטֶע הָאט אָפְּגֶעשׁוֹירְן אוּן גֶעזָאגְט דִי א' ב' אוּן גֶעלֵייגְט דִי הָאנִיג וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן ר' גַּמְלִיאֵל רַאבִּינָאוִויטְשׁ שְׁלִיטָ"א, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְן שָׁלוֹם. עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער כַאפְּט אַ בִּילְד, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוֹיבְן אִין הִימְל כַאפְּט מֶען אוֹיךְ בִּילְדֶער, אָבֶּער דָארְט כַאפְּט מֶען בִּילְדֶער פוּן זַאכְן וָואס מֶען ווִיל נִישְׁט דָא כַאפְּן בִּילְדֶער".

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין נָאכְאַמָאל לַ"ג בָּעֹמֶר צוּ דִי מַעֲרָה, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְקַשֵּׁר גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר אִין חָצֵר.

## נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ"ג בָּעֹמֶר תשפ"ד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, כ"א אִיָיר, ל"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן, הַבָּחוּר יָנִיק וְחַכִּים ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן מַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לַ"ג בָּעֹמֶר תשפ"ד. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע נְסִיעָה, פוּן מַיינֶע שֶׁענְסְטֶע נְסִיעוֹת קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַבִּיסְל ווִיפִיל אִיךְ גֶעדֶענְק פוּן דִי שֵׁיינֶע נְסִיעָה, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען שֵׁיינֶע חִיזוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן מִיט

דִי חִיזוּק פוּן וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ...

***מָאנְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, כ"ז לָעֹמֶר***

...מִיר הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין מִירוֹן, דֶער מְנַהֵל הַמּוֹסְדוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יִצְחָק, עֶר הָאט מִיךְ גֶענוּמֶען קַיין מִירוֹן, אַלֶעס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם.

מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב מִיט דִי בָּחוּרִים, דִי בָּחוּרִים פוּן אוּנְזֶער יְשִׁיבָה פוּן יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַאר צְוֵויי טֶעג זַיין מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּ זַיין מִיט זֵיי, זִיךְ אָפְּגֶעבְּן פְּרִיוָואט מִיט זֵיי, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶעמֶען שֵׁיין בַּאגְרִיסְט.

נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט זֵיי יֶעדֶע רֶגַע, יֶעדֶע מִינוּט.

***דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, כ"ח לָעֹמֶר***

אֵיינְס אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט בִּין אִיךְ זִיךְ גֶעגַאנְגֶען לֵייגְן שְׁלָאפְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁלָאפְן מֶער ווִי דְרֵיי שָׁעָה, מַלְכָּה'לֶע הָאט גֶעוֵויינְט רוֹב נַאכְט; אַ הַאלְבֶּע נַאכְט הָאט מַאמִי אִיר פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּשְׁלֶעפְן אוּן פִיר אַזֵייגֶער הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלֶעפְן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְט אוֹיף דִי גֶעסְלֶעךְ אִין מִירוֹן, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֶסֶד חִינָם וָואס עֶר הָאט מִיט מִיר גֶעטוּן, אַז אִיךְ וֵוייס פוּן אַ רֶבִּי וָואס אִיז אַ רֶבִּי אוֹיף אַלֶע רֶבִּי'ס, אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט מִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן פוּן עָלְמָא דְאָתֵי, אַ רֶבִּי וָואס וַוייזְט מִיר ווִי צוּ לֶעבְן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זַיין פַארְנוּמֶען, זַיין גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט - אוּן אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּיי דִי דִירָה פוּן דִי בָּחוּרִים אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט דִי בָּחוּרִים. אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, גֶעזָאגְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים אוּן נָאכְדֶעם גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית מִיט דִי בָּחוּרִים. נָאכְן דַאוֶונֶען הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, דֶעם בְּלַאט גְמָרָא. נָאכְן לֶערְנֶען בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּ זֵיידִי אִין חָצֵר מִיט דִי בָּחוּרִים הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דָאס עֶסְן פַאר דִי גֶעסְט וָואס קוּמֶען לַ"ג בָּעֹמֶר, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעגְרֵייט קוּגֶל, פִישׁ אוּן נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע עֶסְן פַאר לַ"ג בָּעֹמֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים, וֶוען מֶען זֶעט אַ שֵׁיינֶע פַּאלַאץ, מֶען ווִיל אַרַיינְגֵיין צוּם קֶענִיג, נִישְׁט יֶעדֶער קֶען אַרַיינְגֵיין; נָאר דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים, דִי

שׁוּשְׁקֶעס, נָאר זֵיי קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע הֵיכָלוֹת, אָבֶער אִין קָאךְ - שֵׁיילְן יְרָקוֹת אוּן רֵיינִיגְן - דָארְט קֶענֶען יָא קוּמֶען פְּשׁוּט'ע לַייט; מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועןן, אַז עֶס קוּמְט אַ גְרוֹיסֶער טָאג 'לַ"ג בָּעֹמֶר', אַלֶע ווִילְן זִיךְ אַרַיינְשְׁטוּפְּן אִין הֵיכַל פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אָבֶער אִין קָאךְ, אָנְגְרֵייטְן דִי עֶסְן פַאר דִי אַלֶע גֶעסְט - דָארְט קֶענֶען אוֹיךְ מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוּן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הִלּוּלָא.

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט מִנְחָה אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְּקוּת אוּן גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב.

***מִיטְוָואךְ, פֶּסַח שֵׁנִי, חֶסֶד שֶׁבְּהוֹד***

דִינְסְטָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין מִירוֹן, גֶעדַאוֶונְט מִיט דִי יְשִׁיבָה - דִי בָּחוּרִים פוּן יְרוּשָׁלַיִם. נָאכְן דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִינְאֵיינֶעם, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סֵפֶר תִּיקּוּנִים. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין מִירוֹן הָאט עֶר בְּעִיקָר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין זָאגְן זוֹהַר; הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, עֶס רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, עֶס בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ שַׁחֲרִית אִיז גֶעקוּמֶען אַ חָתָן פוּן צְפַת, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט גְרוֹיס הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶעס וָואס דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט וָואס פַאר אַ מַתָּנָה עֶר קֶען מִיר גֶעבְּן, עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר וַוארְפְט אַוֶועק זַיין סְמַארְטְפָאוֹן, דָאס אִיז אַ מַתָּנָה פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְן אִים אַזוֹי אוֹיפְהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז מִיר גֶעקוּמֶען טְרֶערְן פוּן פְרֵייד, אִיךְ הָאב דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר מַאמִי. עֶס אִיז נִישְׁט צוּ בַּאגְרֵייפְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט אוּנְז, עֶר שְׁלֶעפְּט אוּנְז אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו - צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

פְּלוּצְלוּנְג זָאגְט מֶען מִיר אַז דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אִינְדְרוֹיסְן, מֶען פַארְטְרַייבְּט אַלֶעמֶען, מֶען פַארְשִׁיקְט יֶעדְן אֵיינֶעם, מִיר הָאבְּן פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר אוּן וַוייטֶער גֶעלֶערְנְט אִין דִי דִירָה. דִי יָאר הָאבְּן אַלֶע גֶעדַארְפְט אַלֵיין שְׁפִּירְן אַ בְּרֶעקְל פוּן וָואס מֶען זִינְגְט בַּיי וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי: "הֶחְבָּא בְּתוֹךְ מְעָרָה", רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין הֵייל - "מִפְּנֵי הַגְּזֵרָה" צוּלִיב דִי רוֹימֶער.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָה הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דִי פָּאלִיצַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵיידִי שְׁלִיטָ"א אוּן אִים גֶעבִּינְדְן דִי הֶענְט אִים צוּ לֵייגְן אִין תְּפִיסָה, פַארְן זַיין אִין מִירוֹן קֶעגְן זֵייעֶר ווִילְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט, נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט אַז מֶען הָאט אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט גֶעטוּן, נָאר נָאכְמָאל גֶעוָוארֶענְט אַז דִי קָאךְ, דִי חָצֵר מִיט דִי שׁוּל - מוּזְן זַיין פַארְשְׁפַּארְט.

אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזֶען אַז דִי וֶועגְן זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט, נִישְׁטָא קַיין וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּרִיק קַיין מִירוֹן. מִיר הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, אוּן שִׁמְעוֹן עוֹזֵר הָאט אוּנְז גֶענוּמֶען אוֹיף אַ וֶועג דוּרְךְ דִי וַואלְד, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִיךְ פִיר עֶנְק אוֹיף אַ נֵייעֶ וֶועג וָואס פִירְט צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג"; מֶען אִיז גֶעפָארְן שְׁטִילֶע וֶועגְן, גֶעדְרֵייטֶע אוּן זַאמְדִיגֶע, בִּיז מִירוֹן אָן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן.

דִי בָּחוּרִים זֶענֶען אַהֵיים, נִישְׁט מַחֲמַת פַּחַד, נָאר אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן פָארְאוֹיס, אַז זֵיי קוּמֶען אוֹיף צְוֵויי טֶעג.

דִי קַאר הָאט עֶר פַארְקִירְט אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְן שָׁאסֵיי אוּן מִיר זֶענֶען אַרַיין צוּפִיס. עֶס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי פָּאלִיצַיי אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ מַאכְן תְּפִלּוֹת: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מֶען זָאל אוּנְז צוּרִיק אַרַיינְלָאזְן אִין מִירוֹן", מַאמִי הָאט גֶעבֶּעטְן אִין עֶנְגְלִישׁ: "מִיר ווִילְן קוּמֶען דַאוֶוענֶען דָא", (וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אִין עֶנְגְלִישׁ הָאבְּן זֵיי מֶער דֶרֶךְ אֶרֶץ), הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶנְק קֶענֶען אַרַיינְגֵיין".

## *דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר, ל' לָעֹמֶר*

אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען גָאר שְׁפֶּעט פוּן טְבֶרְיָה, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף בִּיז וָתִיקִין, שְׁלֹמֹה הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ שָׁעָה. פִיר אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אוּן אַרוֹיף מִיט זֵיידִי אוּן מִיט שְׁלֹמֹה דַאוֶוענֶען אִין דִי מַעֲרָה. דִי וֶועג אַרוֹיף אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג, דִי גַאסְן אִין מִירוֹן זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיידִיג, אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט אַרַיין אִין דִי מַעֲרָה זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט קַיין פָּאלִיצַיי, פַארְטָאגְס אִיז דִי מַעֲרָה גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער אִידְן וָואס גְרֵייטְן זִיךְ צוּם דַאוֶוענֶען, אִיךְ הָאבּ גוֹמֵל גֶעבֶּענְטְשְׁט נָאךְ קְרִיאַת הַתּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן דִי קוֹלוֹת פוּן בָּאמְבֶּעס, דִי קוֹלוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק, דִי בָּאמְבֶּעס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען אִין מִירוֹן, נָאר גָאר וַוייט אַוֶועק.

רוֹב טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין חָצֵר, נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַרוֹיסְטְרַייבְּן פוּן דִי דִירוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים בַּיי מִיר אִין דִי דִירָה.

מִנְחָה הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶונְט בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין דִי מַעֲרָה, נָאךְ מִנְחָה בִּין אִיךְ אַרוֹיף מִיט מַאמִי אוּן מִיט שְׁלֹמֹה צוּ זֵיידִי'ס צִיּוּן, מִיר הָאבְּן דָארְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ צוּרִיק אִין דִי מַעֲרָה, גֶעלֶערְנְט מַיינֶע שִׁיעוּרִים, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן בְּעֶרֶךְ צֶען בְּלַאט גְמָרָא, גֶעדַאוֶונְט מַעֲרִיב אוּן אַרָאפּ גֶעקוּמֶען מִיט זֵיידִי.

עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּעוֹת אַז דִי פָּאלִיצֵיי גֵייעֶן פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ אוּן מֶען טְרָאגְט אַרוֹיס דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען נִישְׁט אִין מִירוֹן, מִיר הָאבְּן זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, מִיר הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט אִין דִי דִירָה אוּן פַארְלָאשְׁן דִי לֶעקְטֶער.

***עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּהַר, ל"א לָעֹמֶר***

אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ וָתִיקִין, פִּיר אַזֵייגֶער הֶער אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע אוֹיפְרַייס פוּן אַ בָּאמְבֶּע, דָאס הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן בֶּעט. שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דִי בָּאמְבֶּע אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּן אִירַאק, עֶס אִיז גֶעפַאלְן נֶעבְּן צְפַת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגָאסְן נֶעגֶל וַואסֶער אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה. אָנְהוֹיבּ הָאט מִיר זֵיידִי גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין מִיט אִים דַאוֶונֶען אִין דִי מַעֲרָה, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁמוּעוֹת אַז דִי פָּאלִיצֵיי כַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי אַרוֹיס פוּן מִירוֹן, אוּן נָאר דִי וָואס וואוֹינֶען אִין מִירוֹן דִי מֶעגְן זַיין. זֵיידִי הָאט אַ דִירָה, עֶר אִיז גֶערֶעכְנְט וִוי אַן אַיינְוואוֹינֶער, זֵיידִי אִיז אַלֵיין אַרוֹיף, אָבֶּער נָאךְ אַפָּאר מִינוּט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמט): "עִקַּר הַגְּבוּרָה בְּהַלֵּב", דֶער עִיקָר שְׁטַארְקֵייט אִיז אִין הַארְץ, "כִּי מִי שֶׁלִּבּוֹ חָזָק וְאֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם אָדָם וּמִשּׁוּם דָּבָר", וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ אוּן הָאט נִישְׁט מוֹרָא, "יָכוֹל לַעֲשׂוֹת גְּבוּרוֹת נוֹרָאוֹת", קֶען מַאכְן גְרוֹיסֶע זַאכְן, "וְלִכְבֹּשׁ הַמִּלְחָמוֹת", אוּן אַיינְנֶעמֶען מִלְחָמוֹת, "עַל יְדֵי חֹזֶק וְתֹקֶף לִבּוֹ שֶׁאֵינוֹ מִתְיָרֵא וְרָץ לְתוֹךְ תֹּקֶף הַמִּלְחָמָה", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שְׁרֶעק אוּן מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ.

אִיךְ בִּין אַרוֹיף מִיט מַיין שְׁוָואגֶער אִיתָמָר לֵייפֶּער, אָנְהוֹיבּ וֶועג הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַבִּיסְל פְּחָדִים אַז מֶען קֶען אוּנְז כַאפְּן אוּן אַוֶועק פִירְן פוּן מִירוֹן, אָבֶּער אָנְקוּמֶענְדִיג אוֹיבְן בַּיי דִי מַעֲרָה הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אֵיין

פָּאלִיצֵיי, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶועְן אַז דָאס אִיז מַמָש דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן מו): "שֶׁמֶּלֶךְ אֶחָד הִנִּיחַ אוֹצָר גָּדוֹל בְּמָקוֹם אֶחָד", אַ קֶענִיג הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַ גְרוֹיסֶע פַארְמֶעגְן, "וְסִבֵּב בַּאֲחִיזַת עֵינַיִם כַּמָּה וְכַמָּה חוֹמוֹת סְבִיב הָאוֹצָר", אוּן דָאס אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מוֹיעֶרְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶועְן קֵיין עֶכְטֶע מוֹיעֶרְן, נָאר עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעְן וִוי מוֹיעֶרְן, "וּכְשֶׁבָּאוּ בְּנֵי אָדָם לְאֵלּוּ הַחוֹמוֹת, נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם חוֹמוֹת מַמָּשׁ וְקָשֶׁה לְשַׁבְּרָם", אָבֶּער פַאר דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן הָאט דָאס אוֹיסְגֶעזֶעְן וִוי עֶכְטֶע מוֹיעֶרְן, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, "וּקְצָתָם חָזְרוּ תֵּכֶף", אַ טֵייל הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן אָפְּגֶעלָאזְט, "וּקְצָתָם שִׁבְּרוּ חוֹמָה אַחַת", אַ טֵייל הָאבְּן דוּרְכְגֶעבְּרָאכְן אֵיין מוֹיעֶר, "וּבָאוּ אֶל הַשְּׁנִיָּה וְלֹא יָכְלוּ לְשַׁבְּרָהּ", אָבֶּער בַּיים צְוֵויטְן מוֹיעֶר הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, "וּקְצָתָם שִׁבְּרוּ יוֹתֵר", אַ טֵייל הָאבְּן נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן, "וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁבֹּר הַנִּשְׁאָרִים", אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן, "עַד שֶׁבָּא הַבֵּן מֶלֶךְ", בִּיז דֶער זוּן פוּן קֶענִיג אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט, "אָמַר, אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁכָּל הַחוֹמוֹת הֵם רַק בַּאֲחִיזַת עֵינַיִם", אִיךְ וֵוייס אַז דִי אַלֶע מוֹיעֶרְן זֶענֶען נָאר אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ, "וּבֶאֱמֶת אֵין שׁוּם חוֹמָה כְּלָל", אוּן עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא קֵיין מוֹיעֶרְן, "וְהָלַךְ לָבֶטַח עַד שֶׁעָבַר עַל כֻּלָּם", אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זִיכֶערְהֵייט אוּן אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס: "וּמִזֶּה יָבִין הַמַּשְׂכִּיל הַנִּמְשָׁל מֵאֵלָיו", פוּן דִי מָשָׁל קֶען יֶעדֶער אַרוֹיסְנֶעמֶען גוּטֶע חִיזוּק פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "עַל כָּל הַמְּנִיעוֹת וְהַהֲסָתוֹת וּפִתּוּיִים שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹמוֹת, שֶׁיֵּשׁ עַל אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם שֶׁבֶּאֱמֶת אֵינָם כְּלוּם", אוֹיף אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר אִין מֹחַ, עֶס זֶעט נָאר אוֹיס שְׁוֶוער, "וְהָעִקָּר לֵב חָזָק וְאַמִּיץ, וְאָז אֵין לוֹ שׁוּם מְנִיעָה", דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ.

לְמַעֲשֶׂה אִינְמִיטְן שַׁחֲרִית זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי פָּאלִיצֵיי אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְטְרַייבְּן, מֶען הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן לָאזְן עֶנְדִיגְן שַׁחֲרִית, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט זֵיי גֶעבְּן נָאךְ צֶען מִינוּט, מֶען הָאט שְׁנֶעל גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶוענֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְגֵיין. זֵיידִי הָאבְּן זֵיי גֶעלָאזְט בְּלַייבְּן ווַייל וֶוער עֶס אִיז אַ תּוֹשָׁב מִירוֹן - הָאט גֶעמֶעגְט בְּלַייבְּן בִּיז זִיבְּן אַזֵייגֶער, מִיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְגֵיין. אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג זָאגְט מִיר אֵיינֶער: "גֶעבּ אַכְטוּנְג, גֵיי נִישְׁט אַרוֹיס דוּרְךְ דִי חָצֵר, ווַייל אַלֶע וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דָארְט וֶוערְן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף אַ בָּאס אוּן מֶען

טְרָאגְט אַוֶועק וַוייט פון מִירוֹן", יֶענֶער זָאגְט מִיר: "לוֹיף אַרַיין אִין וַואלְד", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי כֹּחוֹת צוּ לוֹיפְן אִין וַואלְד, אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען דִי צוֹים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אַרוֹיס רוּאִיג גֶעלַאסְן. דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן מִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט גֵיין צוּם בָּאס", אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וואוֹין דָא, אִיךְ בִּין אַ תּוֹשָׁב מִירוֹן", בֶּעט עֶר מִיר מַיינֶע שְׁרִיפְטְן, זָאג אִיךְ אִים: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, עֶס לִיגְט אִין שְׁטוּבּ", זָאגְט עֶר מִיר: "דֶעמָאלְט אַרוֹיף אוֹיפְן בָּאס". אִיךְ הָאבּ נָאכְאַמָאל גֶערֶעדְט צוּ זֵיי רוּאִיג מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין וַוייבּ אִיז אִין דִי דִירָה, מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ", זָאגְט עֶר מִיר: "דֶעמָאלְט דַארְפְסְטוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פון קָצִין". אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעמַאכְט מִיט דִי לִיפְּן שְׁטִילֶע תְּפִלּוֹת און גֶערֶעדְט צוּם סַארְדְזְשֶׁענְט רוּאִיג, אִים גֶעקוּקְט אִין דִי אוֹיגְן און אִים גֶעזָאגְט: "מַיינֶע שְׁרִיפְטְן לִיגְט אִין דִי דִירָה", דֶער סַארְדְזְשֶׁענְט זָאגְט מִיר: "קֶענְסְט גֵיין".

אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט פון רֶבִּי נַחְמָן טוֹלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג קַיין אוּמַאן, מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און גֶעבֶּעטְן זַיין פַּאסְפָּארְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן פָּאלִיצֵיי: "דוּ מֵיינְסְט אִיךְ פָּאר אָן אַ פַּאסְפָּארְט? ווִי קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל פָּארְן אָן אַ פַּאסְפָּארְט?!" עֶר הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַזַא זִיכֶערְקֵייט אַז מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט גֵיין. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, אַלֶע מָאל וָואס אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּם מַעֲרָה, אַלֶע מָאל מֶען הָאט מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת און מִיט תְּפִלָּה, הָאט מֶען מִיר גֶעלָאזְט גֵיין.

מִיט מִיר אִיז גֶעוֶוען הַבָּחוּר יוֹשְׁעַ סוֹפֵר, עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין מִירוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לוֹיפְן, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "קוּם מִיט מִיר", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מַיין זוּן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד בֶּן חֲבֵירוֹ תּוֹרָה כְּאִילּוּ יְלָדוֹ", מֶען הָאט אִים אוֹיךְ גֶעלָאזְט גֵיין, מִיר זֶענֶען אַרָאפּ צוּ דִי דִירָה, זִיךְ אַיינְגֶעשְׁפַּארְט און גֶעלֶערְנְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה תִּיקוּנִים.

***שַׁבָּת אִין מִירוֹן***

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶער שַׁבָּת, נָאךְ אַזוֹיפִיל שְׁרֶעק פון דִי עֵרֶב רַב וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיף פַּיינִיגְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן - אִיז בַּיים זְמַן שַׁבָּת גֶעוָוארְן

אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ רוּאִיגְקֵייט אוֹיף הַר מִירוֹן, אַלֶע פָּאלִיצֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, מֶען הָאט גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת.

מִנְחָה הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט בַּיי קַארְלְסְבּוּרְג, נָאךְ מִנְחָה זֶענֶען מִיר אַרוֹיף צוּ דִי מַעֲרָה. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דִי מַעֲרָה בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שָׁאק צוּ זֶען טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן אִין דִי חָצֵר אוּן אִין אַלֶע שְׁטִיבְּלֶעךְ, אַ נָאדְל אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין דִי מַעֲרָה. נָאכְן אַוֶועק שְׁטֶעלְן אַזוֹיפִיל פָּאלִיצֵיי, נָאכְן אוֹיסְלֵיידִיגְן דִירוֹת נַאכְט נָאךְ נַאכְט זָאלְן זַיין אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן... מֶען הָאט גֶעזֶען דִי הִשְׁתּוֹקְקוּת וָואס אַלֶע הָאבְּן צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אֲפִילוּ מֶען דַארְף זַיין פַארְשְׁפַּארְט פַאר אַפָּאר טֶעג - אִיז קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען.

זֵיידִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר מָאטִי הֶערְצָאג אַז עֶר אִיז זֵייעֶר קְלוּג פַארְן קוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַז עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ יָא קוּמֶען אוֹיבּ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר קֵיינֶעם צוּ קוּמֶען אִין אַזַא צַייט, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט יָא מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אָפְּשֶׁערְן זַיין זוּן, הָאט זֵיידִי גֶעזָאגְט: "זֵייעֶר גוּט, מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אֵיינֶעם וָואס פְרֶעגְט וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען קוּמְט אִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת - אִיז זִיכֶער גוּט".

מֹשֶׁה דֶער גַבַּאי פוּן בְּנֵי בְּרַק'עֶר שׁוּל אִיז גֶעקוּמֶען קַיין מִירוֹן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן אִים גֶעכַאפְּט אוּן פַארְטְרִיבְּן, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בֶּערְל לֶעווּי לֵיל שִׁישִׁי, עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מֶער הָאבּ אִיךְ אִים נִישְׁט גֶעזֶען, קֶען זַיין עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַארְשְׁפַּארְט פוּן שְׁרֶעק בִּיז נָאךְ לַ"ג בָּעֹמֶר, אָדֶער הָאט מֶען אִים אוֹיךְ אַוֶועק גֶעטְרִיבְּן.

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי קַבָּלַת שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גוּטֶע הִתְעוֹרְרוּת, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר רֶבִּי שִׁמְעוֹן. מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן "בַּר יוֹחָאִי" אוּן "אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא", זֵיידִי הָאט פַארְגֶעזָאגְט אוּן אַלֶע הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט דֶעם זִיסְן נִיגוּן מִיט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער: "אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם, אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל..."

אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי אַרוּמִיגֶע וֶועלְדֶער וואוּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פִיר פִינְף שָׁעָה אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער, זֵיידִי אוּן בַּאבִּי הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעדַאוֶוענְט אִין קַארְלְסְבּוּרְג בַּיי זֵיידִי שְׁלִיטָ"א,

זיידי האט מיך מכבד געווען מיט דאווענען שחרית, און ביי די סעודה האט זיידי מכבד געווען דעם דיין רבי יונה זאל זאגן אפאר ווערטער. זיידי איז אים זייער מכבד, ער איז א תלמיד, ער האט געלערנט דארט אין כולל און גענומען שמוש.

אויך האט מיך זיידי מכבד געווען צו רעדן, איך האב דערציילט די מעשה וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מעילה יז), אמאל איז געווען א גזירה, די רוימער האבן נישט געלאזט האלטן די תורה, האבן די חכמים געפרעגט, ווער זאלן מיר שיקן צו מבטל זיין די גזירה? "ילך רבי שמעון בן יוחאי שהוא מלומד בנסים", זאל רבי שמעון גיין, ווייל דער אייבערשטער מאכט אים ניסים. די גמרא דערציילט, עס איז אריין א ש"ד אין די קיסר'ס טאכטער און זי האט געשריגן: "ברענגט מיר רבי שמעון, ברענגט מיר רבי שמעון", און ווען רבי שמעון איז געקומען האט ער געזאגט פארן ש"ד זאל ארויסגיין, און דער קיסר האט מבטל געווען די גזירה.

האבן מיר גערעדט אז אלע פראבלעמען וואס גייט אריבער אויף אונז איז פון די נישט גוטע וואס כאפט זיך אריין אינעם מענטש, ווען א מענטש זינדיגט איז דאס א ש"ד וואס איז אין אים, ווען מען האט שלעכטע מידות, שלעכטע תאוות - איז דאס א ש"ד, אויף דעם קומען מיר צו רבי שמעון בר יוחאי און מיר שרייען: **"רבי שמעון, נעם ארויס דעם ש"ד פון מיר, רבי שמעון הייל מיך אויס".**

אויך האבן מיר גערעדט אז ביי לימוד הזוהר האלטן מיר איניג אז דאס איז לימוד התורה, ביי משניות און גמרא איז דא חילוקי דעות, אין ברסלב איז זאגן - לערנען, און אין קארלסבורג דארף מען פארשטיין, אבער ווען עס קומט ל"ג בעומר דארפן מיר אלע נעמען דעם זוהר הקדוש און עוסק זיין אין גירסא, זאגן יעדן טאג אביסל זוהר, דאס ריינגט און לויטערט דעם מענטש.

מיר דארפן זיך אויך אביסל מער צופלייסן אין אונזער שיעור שבת אינדערפרי, אז אויף קומענדיגע יאר זאלן מיר קענען מסיים זיין דעם גאנצן ספר הזוהר ל"ג בעומר ביי רבי שמעון. מיר האלטן פרשת תרומה, פינקט האלב האבן מיר געלערנט. איך האף צום אייבערשטן אנהויבן צוריק אונזער שיעור שבת אינדערפרי מיט דיר.

ביי שלש סעודות האב איך זיך אנגעהויבן נישט גוט שפירן, איך האב געבראכן אביסל, איך בין אריין אין בעט אפגעשוואכט.

### *מוֹצָאֵי שַׁבָּת, לַ״ג בָּעֹמֶר*

בְּעֶרֶךְ אַ האלבֶּע שָׁעָה נָאכְן זְמַן אַז גְעוָוארְן אַ פַּחַד, דִי פָּאלִיצַיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען און אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן דִירוֹת בַּיי אוּנְז אִין חָצֵר, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן דִי שְׁטוּבּ פוּן דַיָין רֶבִּי יוֹנָה שְׁלִיטָ״א, אוֹיךְ דִי דִירָה פוּן מָאטִי הֶערְצָאג, און דִי דִירָה פוּן אֲרִי פִּישׁ. אִיךְ בִּין גֶעשְׁלָאפְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן, בִּיז מַאמִי הָאט מִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אַז מֶען דַארְף פַארְמַאכְן אַלֶע לֶעקְטֶערְס און אוֹיסְשַׁאלְטֶערְן דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן, מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן אַז מִיר זֶענֶען דָא. מַאמִי אִיז גְעוֶוען אִין בֶּעט, אִיר גַאנְצֶע קֶערְפֶּער הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטְרֵייסְלְט פוּן פַּחַד, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נִיצְן דִי עֵצָה פוּן חַזֶר׳ן אוֹיפְן קוֹל (נִישְׁט צוּ הוֹיעֶךְ) וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה: ׳קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן׳, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא׳, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר׳, זִי הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט הוּנְדֶערְטֶער מָאל בִּיז זִי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיינֶער גֶערוּפְן זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען אַוֶועק פוּן חָצֵר. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן מִיט דִי פַּחַד, בִּין אִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי דִירָה מִיט מַאמִי צוּ דִי חָצֵר פוּן זֵיידִי.

מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דִי פָּאלִיצַיי זֶענֶען נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ זֵיידִי און אַוֶועקְגֶעפִירְט הַבָּחוּר שְׁלֹמֹה צְבִי פֶּערְל, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְקֶענְט, וַוייל מֶען הָאט אִים שׁוֹין אַוֶועק גֶעפִירְט עֶרֶב שַׁבָּת און עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זֵיידִי, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהָאלְפְן צוּגְרֵייטְן און רֵיינִיגְן, מִיט וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט. אוֹיךְ יוֹשֻׁעַ סוֹפֵר הָאבְּן זֵיי אַוֶועק גֶעטְרָאגְן עֶרֶב שַׁבָּת, און מַמָּשׁ בַּיים זְמַן אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען, זִיךְ גֶעשְׁלֶעפְּט אִין פֶעלְדֶער און אִין וֶועלְדֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר גֵייט חַלֶשְׁ׳ן, מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן עֶסְן און אַ בֶּעט צוּ שְׁלָאפְן, עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיינֶע כֹּחוֹת.

מֶען הָאט מִיךְ פַארְגֶעהַאלְטְן הַיְתָּכֵן פָּארְן אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, דָאס מֵיינְט אַז מֶען הָאט קְלָאר הַנָאָה פוּן דִי מְדִינָה; וָואלְטְן דִי גֶעקוּמֶען זֶען וָואס דִי עֶרֶב רַב טוּעֶן מִיט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן – וָואלְטְן זֵיי אַלֶע מֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם סְפֵיקוֹת, דִי הָאבְּן אַזוֹי פַיינְט דִי פְרוּמֶע אִידְן, דִי גַאנְצֶע אָפְּהַאלְט צוּ קוּמֶען קַיין מִירוֹן הָאט גָארְנִישְׁט צוּטוּן מִיט הִיטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן פַיינְט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, און נָאר צוּלִיבּ דֶעם טוּעֶן זֵיי דָאס.

אוּנְזֶער קָאזִין מֹשֶׁה אַבְרָהָם רָאזְנֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר, אַז עֶר קֶען מִיר שַׁאפְן אַ וֶועג אַרוֹיף צוּ דִי מְעָרָה. אִיךְ בִּין אַרוֹיף מִיט מַאמִי, מַלְכָּה און אוֹיךְ שְׁלֹמֹה.

מֶען הָאט גֶעדַארְפְט לַאנְג וַוארְטְן, אָבֶער עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט. אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוּן אוֹיךְ דִי תְּפִלָּה פוּן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף דִי הַקְדָּמָה פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק ב׳, סִימָן מז), דִי תְּפִלָּה אִיז אַ הַארְצְרַייסְנְדֶע תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר צוּאָוֵויינְט בַּיי צְוֵויי פְּלֶעצֶער פוּן דִי תְּפִלָּה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּ אַ צַדִּיק אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיי דִי וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט רֶבִּי שִׁמְעוֹן: "רֶבִּי רֶבִּי רֶבִּי, אֵיךְ תּוּכְלוּ לִסְבֹּל צָרוֹת יִשְׂרָאֵל", וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת וָואס אִידְן גֵייעְן אַרִיבֶּער? אוֹי אִיז דָאס גוּטֶע תְּפִלּוֹת צוּ בֶּעטְן פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אוֹיךְ בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "׳רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם׳, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, ׳תֵּן בְּלֵב הַצַּדִּיק הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה׳, גֶעבּ אַרַיין אִין הַארְץ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי שִׁמְעוֹן ׳וּבְלֵב כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים׳, אוּן אִין דִי הַארְץ פוּן אַלֶע אֱמֶתְ׳עֶ צַדִּיקִים ׳לְבַל יַסְתִּירוּ פְּנֵיהֶם מִמֶּנִּי׳, זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אוּנְז, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן אִין אַלֶע צַדִּיקִים זֵיי זָאלְן אוּנְז נִישְׁט אִיגְנָארִירְן, נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף אוּנְז, ׳וְאַל אָקוּץ בְּעֵינֵיכֶם׳, הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן וֶוער נִישְׁט נֶערְוֶועז פוּן מִיר אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ פָאלְג נִישְׁט דִי עֵצוֹת וְכוּ׳ כוּ׳", אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ, אִיךְ הָאבּ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶועְן פַאר דִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן פַאר אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן מַזְכִּיר גֶעוֶועְן זֵייעֶרֶע בַּקָּשׁוֹת סֵיי יֶעצְט בַּיי דִי נְסִיעָה אוּן סֵיי אַלֶע בַּקָּשׁוֹת וָואס מֶען בֶּעט דוּרְכְן יָאר.

נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אִין חָצֵר פְרֵיילִיכֶע טֶענְץ, אִין אָנְהוֹייבּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶועְן קַיין מוּזִיק, דִי פָּאלִיצֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט, בִּיז עֶס זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אַפָּאר אִינְגֶעלַייט אוּן גֶעמַאכְט הוֹיכֶע פְרֵיילִיכֶע מִירוֹנֶע מוּזִיק, אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעמַאכְט קַאדַאטְשְׁקֶע מִיט אַ פְלַאשׁ אוֹיפְן קָאפּ; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּלֵייגְן אוֹיפְן פַּאפִּיר וָואס פַאר אַ לִיכְטִיגְקֵייט מֶען שְׁפִּירְט אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר.

אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ פוּן צִיּוֹן הָאבְּן מִיר מִיט גֶעהַאלְטְן וִוי עֶס קוּמֶען אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְדֶער צֶענְדְלִיגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי צוֹים וָואס זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט נִישְׁט אַרַיין צוּ לָאזְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן וִוי דִי פָּאלִיצֵיי טֵיילְט מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ. אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ, צוּרִיק אַרַיין אִין דִי גֶעסְלֶעךְ וואוּ מֶען וואוֹינְט הָאבְּן זֵיי אוּנְז נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן שְׁרִיפְטְן, מִיר הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט מִיר וואוֹינֶען אִין דִי דִירָה, זֵיי הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אוּן דָאךְ הָאבְּן זֵיי אוּנְז גֶעלָאזְט גֵיין.

***זוּנְטָאג פַּרְשַׁת בְּחוּקוֹתַי, לַ"ג בָּעֹמֶר***

מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פִיר אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס, מִיר זֶענֶען אוֹיפְגֶעבְּלִיבְּן דַאוְונֶען וָתִיקִין, גֶעדַאוֶונְט שַׁחֲרִית אִין קַארְלְסְבּוּרְג. נָאכְן דַאוְונֶען הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן: "בַּר יוֹחָאִי", "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי", "אָמַר רֶבִּי עֲקִיבָא".

אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען סֵפֶר תִּיקוּנִים, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פַּארְן דַאוְונֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אִין סֵפֶר תִּיקוּנִים לִיגְן אַלֶע חָכְמוֹת פוּן דִי וֶועלְט". (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח)

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן פַאר אַפָּאר שָׁעָה. דוּרְכְן טָאג הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען עֶפֶענֶען דִי חָצֵר בַּיי זֵיידִי, דִי פָּאלִיצַיי הָאבְּן גֶעטֵיילְט מַכּוֹת רֶצַח, אָבֶער צוּבִּיסְלִיךְ זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן, זֵיידִי הָאט מִיט זַיין שְׁטַארְקְקֵייט גֶעזָאגְט יָא עֶפֶענֶען דִי חָצֵר אוּן אָנְהוֹיבְּן טֵיילְן עֶסְן פַאר אַלֶע גֶעסְט, מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי חָצֵר אוּן גֶעטֵיילְט וַוארֶעמֶע עֶסְן; זוּפּ, קוּגְל, פֶּערְפְל, פִישׁ מִיט גְרִינְצַייג; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען עֶסְן וִוי פַארְ'חַלֶשְׁ'טֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען פוּן מִדְבָּר, קֵיינֶער הָאט דִי יָאר נִישְׁט גֶעטֵיילְט עֶסְן, נָאר בַּיי זֵיידִי הָאט מֶען גֶעטֵיילְט עֶסְן, אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִנְיָנִים נָאךְ מִנְיָנִים מִנְחָה.

מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תִּיקוּנִים מִיט אַפָּאר חֲבֵרִים, אַדוּרְכְגֶעלֶערְנְט דִי גַאנְצֶע הַקְדָּמָה. נָאכְדֶעם מִנְחָה, נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ הַדְלָקָה.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְּשׁוּת, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען דִי יָאר מַאכְן קַיין הַדְלָקָה, אוּן בַּיים סוֹף הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט אָנְגֶעצִינְדְן דִי הַדְלָקָה, יֶעדֶער הָאט גֶעלֵייגְט וַואטֶע מִיט אוֹיל. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, וָואס אִיז דָאס לֵייגְן וַואטֶע מִיט אוֹיל? אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט דִי צַדִּיקִים, זֵיי נֶעמֶען וַואטֶע אוּן צִינְדְן עֶס אָן, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָאס אִיז דִי וַואטֶע, אוּן מֶען גִיסְט אוֹיף זֵיי שֶׁמֶן מִשְׁחַת קוֹדֶשׁ, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי טֶענְץ, דִי הַדְלָקָה, דִי שִׂמְחָה – אִיז אַלֶע יָארְן אֵין לְשַׁעֵר, בִּפְרַט דִי יָאר; דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן דִי וֶועלְדֶער, גֶעגַאנְגֶען צוּפִיס צֶענְדְלִיגֶע שָׁעוֹת, אוּן בַּיים אָנְקוּמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעכַאפְּט מֶערְדֶערְלִיכֶע קְלֶעפּ. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן, וַוייל זֵיידִי'ס חָצֵר

גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי דִי לִינְקֶע זַייט פוּן מִירוֹן, נֶעבְּן דֶּרֶךְ מְהַדְּרִין. עֶס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג צֶעקְלַאפְּטֶע צֶעבְלוּטִיגְטֶע מֶענְטְשְׁן, פוּן כַאפְּן קְלֶעפּ פוּן דִי רוֹצְחִים.

עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַז מִירוֹן אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ וואו מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן אַוֶועק מַאכְן דָאס פָארְן אוֹיף מִירוֹן אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען פָארְט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, אָבֶער וָואס קֶענְסְטוּ זָאגְן דִי יָאר וֶועט מֶענְטְשְׁן כַאפְּן מַכּוֹת רֶצַח, פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן מִיטְן טַעֲנָה אַז מֶען דַארְף זֵיי בַּאשִׁיצְן פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'ט, אוּן מֶען קוּמְט וַוייטֶער צוּם צַדִּיק נֶעמֶען יְשֻׁעוֹת.

בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה בִּין אִיךְ אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן מִירוֹן קַיין יְרוּשָׁלַיִם.

**פֶּתַח הַמְּעָרָה**

אִין מִירוֹן הָאבְּן דִי בָּחוּרִים מִיךְ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ וֵוייס וואו דִי פֶּתַח הַמְּעָרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז, וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דִי פְּלַאץ נֶעבְּן דִי הַכְנָסַת אוֹרְחִים וָואס שְׁטֵייט דָארְט אַ טָאוֶועל 'דָא אִיז דֶער פֶּתַח הַמְּעָרָה' - דָאס אִיז נִישְׁט וָואר, דָאס אִיז אַ פְּלַאץ וואו מֶען מַאכְט גֶעלְט פוּן אַמֶעריקַאנֶער וָואס לָאזְן זִיךְ מֶעלְקְן, אוּן עֶלְטֶער זֵיידִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג הָאט אִים גֶעוִויזְן וואו דֶער פֶּתַח הַמְּעָרָה אִיז, הָאבְּן מִיר דִי בָּחוּרִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מוּטְשֶׁען אוֹיבּ אִיךְ וֵוייס וואו דָאס אִיז, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אִיךְ קֶען זֵיי וַוייזְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן אוֹיפְן מוֹיל, דִי מוֹיל אִיז דִי עֶפֶענוּנְג צוּ דִי מַעֲרָה, מַעֲרָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זַיין בַּאהָאפְּטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מְלָכִים א׳ ז, לו): "כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת סָבִיב", זָאגְט רַשִׁ"י: "לָשׁוֹן אֲחִיזָה וְדִבּוּק", אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט זִיךְ אַרוּם, מֶען וֶוערְט אֵיינְס, אוֹיךְ אִיז דָא אִין מִשְׁנָיוֹת דִי לָשׁוֹן (עוּקְצִין ג, ח): "וּמְעֹרֶה בַּקְּלִפָּה"; דִי מוֹיל אִיז דִי פֶּתַח הַמְּעָרָה, דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט וָואס מֶען הָאט, אַלֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט, מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, נָאר רֶעדְן פוּן דִיר"** - קוּמְט מֶען אָן אִין דִי מַעֲרָה פוּן דִי צַדִּיקִים, מֶען וֶוערְט בַּאהָאפְּטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן נָאר מַמָשׁ אַ פִּינְטְל פוּן וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער, אוּן פוּן דִי גֶעפִילְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה בַּיי דִי צַדִיקִים, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס דִי יָאר, וֶועל אִיךְ דִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף נֶעמֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר לַ"ג בָּעֹמֶר.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶנְדִיגְן מִיט דִיר דֶעם גַאנְצְן זוֹהַר אוּן מַאכְן לַ"ג בָּעֹמֶר דִי סִיוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אִין אַ צְוֵוייטֶע בְּרִיוו שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער דִי שְׁוֶועריקַייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן אִין יָאר תשפ"ד: נֶעכְטְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין טְבֶרְיָ', זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם וָואס מִירוֹן אִיז פַארְשְׁפַּארְט, דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר מַאכְט מֶען אַזֶעלְכֶע שְׁוֶועריקַייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן; וָואס וִויל מֶען אוּנְז וַוייזְן, וָואס דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם?

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען וִויל אוּנְז מְחַזֵק זַיין מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אוֹיסֶער דָאס קוּמֶען קַיין מִירוֹן, אוֹיסֶער דָאס פַייעֶר; אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דָאס קוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן צַדִיק, אוּן צוּ פַייעֶרְן דִי הִלוּלָא פוּן צַדִיק, אָבֶּער אוֹיךְ וִויל מֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען נָאךְ נֶענְטֶער צוּם צַדִיק, דוּרְךְ לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים.

וִויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן אַ שִׁעוּר אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר, עֶס וֶועט דִיר וֶוערְן פָּשׁוּט לִיכְטִיג אִין לֶעבְּן; 'זוֹהַר' טַייטְשְׁט 'דָאס שַׁיין', 'דָאס לִיכְטִיגְקֵייט'; אַז מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר - וֶוערְט מֶען רֵיין, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ אִים, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.'

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מֶען לַאכְט אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן דִי וֶועג וִוי מִיר לֶערְנֶען, פוּן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) פוּן זָאגְן בְּלִי הֲבָנָה דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער בַּיי זוֹהַר אִיז דָאךְ בַּיי אַלֶע אָנְגֶענוּמֶען אַז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן הוֹיךְ, אִיז וֶוען אֵיינֶער קוּמְט חוֹזֶק מַאכְן פוּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת פְרֶעג אִים (נִישְׁט אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, מֶען רֶעדְט נָאר): "וואוּ הַאלְט אִיר אִין

זוהר?" דָארְט זֶענֶען דָאךְ אַלֶע מוֹדֶה אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער; וֶועסְטוּ זֶען אַז יֶענֶער אִיז פָּשׁוּט אַ לֵץ, עֶר וִויל נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, עֶר וִויל נָאר דָאס שְׁפֶּעטְן פוּן זָאגְן.

מֶען מַאכְט שְׁוֶועריקַייטְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין מִירוֹן וַוייל מֶען וִויל אוּנְז דְרוּקְן צוּם וַואנְט אַז יֶעדֶער זָאל זוּכְן אַ וֶועג 'וִוי קֶען אִיךְ הָאבְּן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי?' מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן טוּן וָואס דֶער זוֹהַר זָאגְט, מִיר זָאלְן הָאבְּן מִירוֹן אַ גַאנְץ יָאר, לֶעבְּן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַ גַאנְץ יָאר, בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, טוּן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט.

## חַאלַאקֶע

**מַאכְן חַאלַאקֶע לַ"ג בָּעֹמֶר פַאר'ן קִינְד וָואס וֶוערְט דְרַיי יָאר אִין חוֹדֶשׁ אָב?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין אִינְגְל נֵרוֹ יָאִיר וֶוערְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם דְרַיי יָאר אַלְט אוּם י' אָב, זָאלְן מִיר מַאכְן דִי חַאלַאקֶע אוּם לַ"ג בָּעֹמֶר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

דֶער מִנְהָג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז, אַז אַלֶע קִינְדֶער וָואס וֶוערְן דְרַיי יָאר פוּן פּוּרִים אוּן וַוייטֶער, אוּן אַלֶע וָואס וֶוערְן דְרַיי יָאר בִּיז ט"וּ בְּאָב - וַוארְט מֶען, אוּן מֶען אִיז מַקְדִּים - אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר, מֶען שֶׁערְט זֵיי אָפּ אוּן מֶען מַאכְט זֵיי פֵּיאוֹת לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

אַזוֹי בְּרֶענְגְט רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל (שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת עִנְיָן סְפִירַת הָעֹמֶר דְּרוּשׁ יב, דַף פז), אַז זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶענוּמֶען זַיין זוּן קַיין מִירוֹן אוּן דָארְט אִים גֶעמַאכְט פֵּיאוֹת.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן פַאר מַיין עֶלְצְטֶע אֵיינִיקֶל חַאלַאקֶע, הַיֶּלֶד נַחְמָן נָתָן בֶּן הָרַב שְׁלֹמֹה. דָא אִין מִירוֹן אִיז דֶער מִנְהָג, דִי וָואס מַאכְן חַאלַאקֶע אוּם לַ"ג בָּעֹמֶר - גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן אִין בִּגְדֵי שַׁבָּת, סַיי דֶער טַאטֶע אוּן דִי זֵיידֶעס.

# פַּייל אוּן בּוֹיגְן

## גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ״ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָיר, כ״ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָּאר אִיךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף צוּ זַיין לַ״ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין פֶעלְד מִיט דִי פַּייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז קִינְדֶער שְׁפִּילְן לַ״ג בָּעֹמֶר מִיט פַּייל אוּן בּוֹיגְן.

עֶס אִיז דָא כַּמָּה טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז אוֹיף דֶעם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית ט, א; תּוֹסְפוֹת עֲבוֹדָה זָרָה טז ע״ב, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל דִּימוֹס) וָוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ הָאט עֶר גֶעזֶען אֵיינֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ, עֶס קוּמְט אַ פֵייגְל, עֶס וֶוערְט כִּמְעַט גֶעפַאנְגֶען אוּן פְּלוּצְלוּנְג פְּלִיט דִי פֵייגְל אַוֶועק, נָאכְדֶעם קוּמְט אַ פֵייגְל אוּן עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: ״סְפִּיקוּלָא״ גֶעכַאפְּט! אוּן דִי פֵייגְל וֶוערְט גֶעפַאנְגֶען, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: ״קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען״; דֶערִיבֶּער שִׁיסְט מֶען לַ״ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַּייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ ווַייזְן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי לֶערְנְט אוּנְז, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פֶערְצוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָּחָה נִפְלָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ״ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד, שְׁפִּיל מִיט זֵיי, טַאנְץ מִיט זֵיי, פְרֵיי זִיךְ מִיט זֵיי, אוֹיךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם. לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעלֶערְנְט אִין פֶעלְד מִיט דִי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער״.

# יוֹם הוּלֶדֶת מוֹהֲרַ"ש

**מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרַ"ש**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ' אִיָיר, ל"ה לָעֹמֶר, תשפ"א**

**לִכְבוֹד טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִחְיוּ**

הַיינְט נַאכְט גֵייעֶן מִיר אַרַיין אִין דִי וָואךְ פוּן סְפִירַת יְסוֹד; מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן כ"א אִיָיר, דִי טָאג וָואס מֶען צֵיילְט חֶסֶד שֶׁבִּיְסוֹד.

מוֹהֲרַ"ש זָאגְט אַז עֶר קֶען טְרֶעפְן חֶסֶד אִין יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶועןן בְּמִדַּת הַיְסוֹד, עֶר וֶועט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין פַאר אַלֶע וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין דִי מִדָּה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוייזְט עֶר פַאר אַלֶעמֶען דִי חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶע קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיס'טַעֲנָה'ן מִיט אִים.

מוֹהֲרַ"ש הָאט זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןן צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; מוֹהֲרַ"ש הָאט זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר קֵיינֶעם, נָאר וַוייטֶער יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶועןן.

וֶוען מֶען צֵיילְט דִי סְפִירָה קוּמְט אוֹיס מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן דִי וָוארְט פוּן לַמְנַצֵּחַ: "כֻּלָם", אוּן בַּיי אָנָּא בְּכֹחַ - דָאס וָוארְט "יָחִיד"; דָאס אִיז גֶעוֶועןן בַּיי מוֹהֲרַ"ש, עֶר אִיז גֶעוֶועןן גְרֵייט פַאר "כֻּלָם", - עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעהָאלְפְן, יֶעדְן אֵיינֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶועןן, גֶעשְׁרִיבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם חִיזוּק פַאר יֶעדֶע מַצָּב, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶועןן אֵיינֶער אַלֵיינְס, בִּבְחִינַת "אֶחָד הָיָ' אַבְרָהָם".

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר דַארְפְן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין, מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן מוֹהֲרַ"ש - גֵיין הֲפָצָה, עוֹסֵק זַיין אִין בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "זַייט שְׁטַארְק אִין דִי זַאךְ פוּן הֲפָצָה"; מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע, עֶס וֶועלְן אַלְץ זַיין לֵצִים, דָאס דַארְף זַיין כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ בְּחִירָה אוּן אַ נִסָּיוֹן, אָבֶּער דָאס טָאר נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דִי וָואךְ גֵייט צְוֵויי סֶדְרָה'ס, בְּהַר אוּן בְּחֻקּוֹתַי; הֵייבּ אָן הַיינְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וַוארְט נִישְׁט אוֹיף סוֹף וָואךְ, לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ", פוּן זוּנְטָאג, "נִקְרָא עִם

הַצִבּוּר", וֶוערְט עֶס שׁוֹין גֶערֶעכְנְט; דִי מִצְוָה, דָאס בִּיסְל תּוֹרָה - דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס בִּיסְל חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנָיוֹת.

אוֹי וֶועט מֶען חֲרָטָה הָאבְּן, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס מֶען וֶועט טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה?' וֶוען מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ פָּסוּק חוּמָשׁ, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מִשְׁנָה, פוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא; דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין שְׁפֶּעט.

מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הילְף וֶועל אִיךְ בַּאלְד זַיין אִין יַבְנְאֵל, אִיךְ הָאף אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְגִיסְן מַיין הַארְץ דָארְט בַּיים הֵיילִיגְן פְּלַאץ, אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר עֶנְק אַלֶע.

## אַלֶע מְפִיצִים זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ

הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָאג בִּפְרַט פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס אִיז הַיינְט דִי גֶעבּוּרְטְס-טָאג פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן אִינֶעם סְפִירָה פוּן 'חֶסֶד שֶׁבִּיְסוֹד' צוּ וַוייזְן דִי חֶסֶד, דָאס גֶענַאדֶע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעפַאלְן אִין מִידַת הַיְסוֹד".

מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי צוּ וַוייזְן דֶעם וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וּבִפְרַט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעפַאנְגֶען אִינֶעם נֶעץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע - הָאט מוֹהֲרַ"אשׁ גֶעשְׁרִיבְּן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט מִילְיָאנֶען סְפָרִים זֵיי צוּ וַוייזְן אַ וֶועג זֵיי זָאלְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין אַזַא גְרוֹיסֶע טָאג דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן צוּ טוּן דָאס וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעטוּן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וֶוער עֶס אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה דֶער וֶועט בְּלַייבְּן מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן בָּזֶה וּבַבָּא.

קוּק גוּט וֶועסְטוּ זֶען אַז דִי אַלֶע מְפִיצִים זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג פְּרִישׁ; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען שׁוֹין מְפִיצִים דְרַייסִיג פֶערְצִיג יָאר, דִי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ חַיוּת.

# פִּיּוּטִים לְלַ״ג בָּעֹמֶר:

## בַּר יוֹחָאי

בַּר יוֹחָאי נִמְשַׁחְתָּ אַשְׁרֶיךָ שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶיךָ:

בַּר יוֹחָאי שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ, נִמְשַׁחְתָּ מִמִּדַּת הַקֹּדֶשׁ, נָשָׂאתָ צִיץ נֵזֶר הַקֹּדֶשׁ, חָבוּשׁ עַל רֹאשְׁךָ פְּאֵרֶךָ:

בַּר יוֹחָאי מוֹשַׁב טוֹב יָשַׁבְתָּ, יוֹם נַסְתָּ, יוֹם אֲשֶׁר בָּרַחְתָּ, בִּמְעָרַת צוּרִים שֶׁעָמַדְתָּ, שָׁם קָנִיתָ הוֹדְךָ וַהֲדָרֶךָ:

בַּר יוֹחָאי עֲצֵי שִׁטִּים עוֹמְדִים, לְמוּדֵי יְיָ הֵם לוֹמְדִים, אוֹר מֻפְלָא אוֹר הַיְקוֹד הֵם יוֹקְדִים, הֲלֹא הֵמָּה יוֹרוּךָ מוֹרֶיךָ:

בַּר יוֹחָאי וְלִשְׂדֵה תַפּוּחִים, עָלִיתָ לִלְקוֹט בּוֹ מֶרְקָחִים, סוֹד תּוֹרָה כְּצִיצִים וּפְרָחִים, נַעֲשֶׂה אָדָם נֶאֱמַר בַּעֲבוּרֶךָ:

בַּר יוֹחָאי נֶאֱזַרְתָּ בִּגְבוּרָה, וּבְמִלְחֶמֶת אֵשׁ דַּת הַשַּׁעְרָה, וְחֶרֶב הוֹצֵאתָ מִתַּעְרָהּ, שָׁלַפְתָּ נֶגֶד צוֹרְרֶיךָ:

בַּר יוֹחָאי לִמְקוֹם אַבְנֵי שַׁיִשׁ, הִגַּעְתָּ לִפְנֵי אַרְיֵה לַיִשׁ, גַּם גֻּלַּת כּוֹתֶרֶת עַל עַיִשׁ, תָּשׁוּרִי וּמִי יְשׁוּרֶךָ:

בַּר יוֹחָאי בְּקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, קַו יָרוֹק מְחַדֵּשׁ חֳדָשִׁים, שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת סוֹד חֲמִשִּׁים, קָשַׁרְתָּ קִשְׁרֵי שִׁי״ן קְשָׁרֶיךָ:

בַּר יוֹחָאי יוּ״ד חָכְמָה קְדוּמָה, הִשְׁקַפְתָּ לִכְבוֹדוֹ פְּנִימָה, לֵ״ב נְתִיבוֹת רֵאשִׁית תְּרוּמָה, אַתְּ כְּרוּב מִמְשַׁח זִיו, אוֹרֶךָ:

בַּר יוֹחָאי אוֹר מֻפְלֶא רוּם מַעְלָה, יָרֵאתָ מִלְּהַבִּיט כִּי רַב לָהּ, תַּעֲלוּמָה וְאַיִן קוֹרָא לָהּ, נַמְתָּ עַיִן לֹא תְשׁוּרֶךָ:

בַּר יוֹחָאי אַשְׁרֵי יוֹלַדְתֶּךָ, אַשְׁרֵי הָעָם הֵם לוֹמְדֶךָ, וְאַשְׁרֵי הָעוֹמְדִים עַל סוֹדֶךָ, לְבוּשֵׁי חֹשֶׁן תֻּמֶּיךָ וְאוּרֶיךָ:

## אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא

אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא, אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל, לִפְנֵי מִי אַתֶּם מִטַּהֲרִין וּמִי מְטַהֵר אֶתְכֶם, אֲבִיכֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, וְאוֹמֵר (ירמיה יז, יג): מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל ה׳, מַה מִקְוֶה מְטַהֵר אֶת הַטְּמֵאִים אַף הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְטַהֵר אֶת יִשְׂרָאֵל.

## וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי

וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי

אִישׁ אֱלֹקִים קָדוֹשׁ הוּא אַשְׁרֵי עַיִן רָאַתְהוּ: לֵב חָכָם יַשְׂכִּיל פִּיהוּ אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

בָּרוּךְ הוּא מִפִּי עֶלְיוֹן קָדוֹשׁ הוּא מֵהֶרָיוֹן: מְאוֹר גָּלִיל הָעֶלְיוֹן אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

גִּבּוֹר וְאִישׁ מִלְחָמָה בְּדַת תּוֹרָה תְּמִימָה: מָלֵא מַדָּע וְחָכְמָה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

דָּרַשׁ כָּל תַּעֲלוּמוֹת בְּעֹז וְתַעֲצוּמוֹת: עָלָה מַעֲלוֹת רָמוֹת אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

הֶחְבָּא בְּתוֹךְ מְעָרָה מִפְּנֵי הַגְּזֵרָה: שָׁם לָמַד סִתְרֵי תוֹרָה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

וְשָׁם נִבְרָא מַעְיָן לוֹ וְחָרוּב לְמַאֲכָלוֹ: מַה טּוֹב חֶלְקוֹ וְחֶבְלוֹ אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה דִּין רֵיקָא וּבַר רֵיקָא: זָכָה וְרַבִּים זִכָּה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

חִדֵּשׁ כַּמָּה הֲלָכוֹת הֵן בְּמִשְׁנָה עֲרוּכוֹת: זֶה הַמַּרְגִּיז מַמְלָכוֹת אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

טִהֵר אֶת עִיר טְבֶרְיָה עָשָׂה אוֹתָהּ נְקִיָּה: הוֹדוּ לוֹ מִן שְׁמַיָּא אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

יָדַע כָּל הַנִּסְתָּרוֹת דְּבָרָיו עוֹשִׂים פֵּרוֹת: בִּטֵּל כַּמָּה גְּזֵרוֹת אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

כָּל יָמָיו אֲשֶׁר חָיָה אוֹת הַקֶּשֶׁת לֹא נִהְיָה: כִּי הוּא אוֹת עוֹלָם הָיָה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

לְכָל יִשְׂרָאֵל הֵאִיר בְּסוֹד תּוֹרָה הַבָּהִיר: כְּאוֹר הַחַמָּה מַזְהִיר אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

מָקוֹם בָּחַר בִּשְׁמַיָּא עִם הַנָּבִיא אֲחִיָּה: זֶה מִבְּנֵי עֲלִיָּה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

נֶחְמָד מְאֹד לְמַעְלָה זָכָה לִיקָר וּגְדֻלָּה: כֶּתֶר עֶלְיוֹן לוֹ נִגְלָה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

סִינַי סִינַי לוֹ נִקְרָא אֲרִי שֶׁבַּחֲבוּרָה: מִמֶּנּוּ תֵּצֵא תּוֹרָה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

עָשָׂה שִׁבְעִים תִּקּוּנִים יְקָרִים מִפְּנִינִים: בָּם תִּקֵּן הָעֶלְיוֹנִים אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

פָּתַח פִּיהוּ בְחָכְמָה הוֹצִיא אוֹר תַּעֲלוּמָה: תִּקֵּן זָהֳרֵי חַמָּה אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם גִּלָּה מִדְרַשׁ הַנֶּעֱלָם: יָכוֹל לִפְטוֹר הָעוֹלָם אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

קוֹלוֹ זָמַר עָרִיצִים וְהִכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים: וְהִצִּיל הַלְּחוּצִים אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

רָאָה פָּנָיו מְאִירִים בְּשִׁבְתּוֹ עִם חֲבֵרִים: עֵת גִּלָּה סוֹד נִסְתָּרִים אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

שָׁלוֹם רַב עַל מִשְׁכָּבוֹ מַה טּוֹב חֶלְקוֹ וְטוּבוֹ: דּוֹבֵר אֱמֶת בִּלְבָבוֹ אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

תּוֹרָתוֹ מָגֵן לָנוּ הִיא מְאִירַת עֵינֵינוּ: הוּא יַמְלִיץ טוֹב עָלֵינוּ אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי

# הספר הקדוש הזה

נדפס לזכות

## מורינו
## ראש הישיבה
## שליט"א

וזוגתו

## אסתר גיטל תחי'

וילדיהם

**שלמה ומשפ', אלחנן חיים ומשפ', מרים העניא זיסל ומשפ', שמעון ומשפ', נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי א-ל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות
רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון